# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
רבי אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

אמור - ל"ג בעומר

מכון
באר האמונה

# אינהאלט

## אמור


והבאתם את עומר - די מאַכסט גאָרנישט, דער אויבערשטער טוט אַלעס ............................ב

ירצה לקרבן - דווקא דורך די שוועריגקייטן שטייגט דער מענטש ............................ ה

ונקדשתי בתוך בני ישראל - זיך הייליגן בקדושה וטהרה ............................ז


## ל"ג בעומר


מי שטרח בערב שבת - הכנה דרבה איידער מ'גייט אַריין אין רבי שמעון'ס טאָג ............................יא

נגילה ונשמחה בו - די גרויסע שמחה אין דעם הייליגן טאָג............................ יג

עת רצון היום לנו - די שפע פונעם טאָג ל"ג בעומר ............................יד

כי קדוש היום לאדונינו - דער טאָג איז הייליג איבעראל............................ יז

הוא ימליץ טוב - דער כח פון ר' שמעון צו מבטל זיין אַלע גזירות............................ כב

עולו והתכנשו - זיין ל"ג בעומר ביים הייליגן ציון אין מירון............................ כט

אור זרוע לצדיק - די הדלקות לכבוד דעם הייליגן תנא רשב"י ............................מא



סדר ועימוד:

**א.י.ש. אשדוד**

shwrtz@bezeqint.net

# אמור

**והבאתם את עומר - די מאַכסט גאָרנישט, דער אויבערשטער טוט אַלעס**

**והבאתם** את עומר ראשית קצירכם אל הכהן (כג, י).

**דער** מהר"ל מפראג זצ"ל זאָגט ('אור חדש', מגילת אסתר ו, יא), אַז מצוה פון 'עומר' קומט אונז דערמאַנען, אַז ס'איז נאָר דאָ איין באַשעפער אויף דער וועלט. און דער מהר"ל געבט עס צו פאַרשטיין, ווייל דעם 'עומר' ברענגט מען דאַך אין חודש ניסן (דעם צווייטן טאָג פון יום טוב פסח) - באַלד נאָכ'ן סוף פונעם ווינטער, ווען עס הערט אויף צו רעגענען, און די פלאַנצונגען ווערן דעמאָלט פאַרטיג, און דער מענטש לייגט זיך אוועק אַלע שפייז וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געגעבן. איז דאָ אַ חשש אַז עס וועט זיך אַריינגנב'ענען ביי איהם אין האַרצן אַ געדאַנק, אַז די שפּראָצונג איז צו איהם געקומען מיט די בדרך טבע, דורך די רעגנס וואָס מאַכן אויפשפּראָצן די ערד.

**צוליב** דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן צו ברענגען דעם 'עומר', תבואה פון דעם ערשטן שניט אין בית המקדש, כדי איינצובאַקן אין אונזערע הערצער אמונה מיט אַ שטאַרקייט אַז דער אויבערשטער איז דער בעל הבית פון דער נאַטור[א]. די תבואה וואַקסט נישט דורך רעגן, נאָר מיט'ן רצון פונעם אויבערשטען

---

**א.** דאָס זעלבע איז לגבי די פרנסה, כאָטש עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז די 'השתדלות' האָט פאַרגרעסערט זיין פרנסה, איז אָבער אַלעס לויט דעם רצון פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און דער מענטש טוט גאָרנישט אַליין.

דער בריסקער רב הגאון בעל 'בית הלוי' זצ"ל, האָט אַמאָל באַגעגנט איינע פון זיינע געוועזענע תלמידים. אויף די פראַגע פונעם 'בית הלוי' וואָס ער טוט, האָט דער תלמיד געענטפערט, אַז ער באַשעפטיגט זיך מיט פּראָדוצירן צוקער, בשותפות מיט זיינס אַ שוואָגער, און פון דאָרט האט ער פרנסה. האָט דער 'בית הלוי' איהם נאָך אַמאָל געפרעגט וואָס ער טוט, און דער תלמיד האָט געענטפערט אַ צווייטן מאָל, אַז ער פּראָדוצירט צוקער מיט זיין שוואָגער. האָט דער 'בית הלוי' איהם געפרעגט צום דריטן מאָל די זעלבע שאלה, און דער תלמיד האָט צום דריטן מאָל איהם געענטפערט אַז ער מאַכט צוקער. האָט דער 'בית הלוי' געזאָגט: מיין געוועזענער תלמיד מיינט אַוודאי יעצט, אַז עפּעס פעלט מיר דאָ אין פאַרשטאַנד... דאָס איז נישט ריכטיג, נאָר איהם פעלט פאַרשטאַנד צו פאַרשטיין די זאַך. אויב איך וואָלט איהם געפרעגט וואָס 'דער אויבערשטער טוט מיט איהם', האָט ער מיר געדאַרפט ענטפערן וועגן זיין פרנסה, וואָס יעדער איינער באַקומט פון הימל. אָבער אַז איך האָב איהם געפרעגט וואָס 'ער' טוט, האָט ער געדאַרפט ענטפערן וועגן יראת שמים, ווי די גמרא זאָגט (ב"מ קז:) 'הכל בידי שמים, חוץ מיראת שמים'.

אדרבה, ווען דער מענטש וואָרצלט איין אין זיך די ריינע אמונה אַז ער אַליין איז אינגאַנצן נישט 'אינעם געשעפט', נאָר דער אויבערשטער טוט אַלעס... זעהט ער די ישועה פון דעם אויבערשטען. ער וועט אויך זוכה זיין צו זעהן מיט זיינע פליישיגע אויגן, אַז אַלעס איז אין די הענט פון דעם אויבערשטען. 'ברצותו מרחיב, וברצותו...'.

דער קאַפּיטשיניצער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי משה מרדכי זצ"ל, אַ זון פון אַלטן קאַפּיטשיניצער רבי'ן, כ"ק אדמו"ר רבי אברהם יהושע העשיל זצ"ל, האָט אין זיינע יונגערע יאָרן געהאַנדלט אין דער דיאַמאַנטן בערזע אין מאַנהעטן. אַמאָל זענען אַדורך עטליכע וואָכן, און ער האָט נישט פאַרדינט אַפילו אַ פּרוטה. האָט ער זיך מזכיר געווען ביי זיין גרויסן פאָטער, דעם קאַפּיטשיניצער רבי'ן, און געזאָגט, 'איך מאַך גאָרנישט' (וואָס אויף דער 'מענטשליכער' שפּראַך מיינט עס, אַז ער 'פאַרדינט' גאָרנישט, און וואָס וועט זיין מיט שפּייזן די משפחה...). האָט זיין גרויסער טאַטע איהם געזאָגט:

- דו דאַרפסט איינוואָרצלען ביי זיך אין האַרצן, אַז דו מאַכסט טאַקע גאָרנישט. אַלעס ווערט געפירט פון דעם אויבערשטען. עס ווענדעט זיך נאָר אין איהם. ער רופט אויס אַז דער מענטש זאָל פאַרדינען געלט אָדער נישט, און עס האָט נישט קיין שייכות מיט דער ווירקליכקייט, אויב דער מענטש האָט געמאַכט אַ 'השתדלות', אָדער נישט.

עטליכע וואָכן שפּעטער, ווען רבי משה מרדכי האָט נאָך אַלץ נישט פאַרדינט אַ פּרוטה אין געשעפט, איז ער אַמאָל פרייטאָג פאַר'ן אַהיימגיין אויף שבת, געשטאַנען ביי זיין 'סעיף', וועלנדיג באַהאַלטן דאָרט דיאַמאַנטן איבער שבת, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום באַשעפער, און אויסגערופן פון די טיפענישן פון זיין האַרץ מיט ריינע אמונה: 'רבונו של עולם', איך טוה טאַקע גאָרנישט...', און וואונדער איבער וואונדער: אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט

ברוך הוא[ב]. ער ברענגט דעם ווינט, די רעגנס און ער באפעלט פאר די ערד אַרויסצוגעבן פון זיך אַלע שפּראָצונגען[ג].

מיר אלע קענען די גמרא (מגילה טז.) אַז ווען המן איז געקומען אָנטוהן פאַר מרדכי די קעניגליכע קליידער און איהם מאַכן רייטן אויפ'ן פערד, איז ער אַריינגעגאַנגען

---

די ווערטער פון מויל, האָט דער טעלעפאָן געקלינגען. אויף דער צווייטער זייט פון טעלעפאָן איז געווען אַ סוחר וואָס האָט געוואָלט קויפן אַ שיינע צאָל דיאַמאַנטן-שטיינער... אין איין סעקונדע, האָט ער פאַרדינט מער געלט ווי אין משך פון עטליכע וואָכן, ווען ער האָט נישט פאַרדינט אַ פרוטה...

עס ווערט געברענגט אין ספר 'תורת אבות' (אמונה ובטחון, אות מו) וואָס אַז הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע האָט דערציילט: מיין רבי, הרה"ק רבי מרדכי לעכעוויטשער זי"ע, האָט מיר באַפוילן צו בויען אַ הויז. בין איך געפאָרן קיין לעכעוויטש, אַז דער רבי זאָל מיר זאָגן מיט זיין הייליגן מויל די איינצלהייטן ווי אַזוי איך זאָל בויען דאָס הויז. איך בין דאָרט געווען אויף שבת, אָבער איך האָב פאַרגעסן צו רעדן וועגן דעם הויז. נאָך דעם ווי איך האָב זיך געזעגנט און איך בין אַוועקגעפאָרן, האָב איך זיך דערמאנט פון דעם גאַנצן ענין, און איך האָב געשיקט עמיצן צו רעדן מיט'ן רבי'ן וועגן דעם. האָט דער לעכעוויטשער איהם געזאָגט ער זאָל מיר זאָגן: אויב דו וועסט בויען אויף דער ערד, וועט עס האָבן אַ קיום, אָבער אויב דו וועסט בויען אויפ'ן קאָפּ, וועט דאָס הויז זיך נישט האַלטן. (דאָס הייסט, דער 'קאָפּ' זאָל נישט זיין אַריינגעטוהן אין בויען דאָס הויז). און אַזוי איז געווען: אַלעס וואָס מ'האָט געקענט טוהן נאָכ'ן דאַווענען, האָב איך נישט געטוהן פאַר'ן דאַווענען, און דאָס וואָס איך האָב געקענט טוהן עטליכע שעה שפּעטער, האָב איך זיך נישט געיאָגט עס צו טוהן פריהער.

און דער קאָברינער האָט אויסגעפירט: ס'איז אַ מצוה צו דערציילן פאַר די 'באַלעבאַטים' וועגן די גרויסע סייעתא דשמיא וואָס איך האָב געזעהן אין דעם.

**ב.** אַזוי שרייבן די ספרים בדרך רמז אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כג, יז) 'ממושבותיכם תביאו לחם תנופה'. דער פסוק איז דאָ רמז דעם ענין פון פרנסה, מענטשן זאָלן וויסן אַז די פרנסה ווענדעט זיך נישט אין דער אַרבעט פונעם מענטש, נאָר אין דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, ווי דער פסוק זאָגט (דה"א כט, יב) 'והעושר והכבוד מלפניך'. דער מענטש וואָס וויל פאַרגרעסערן זיין קצבה פון פרנסה, וועט גאָרנישט פאַרדינען פון טוהן מער השתדלות. ער האָט נאָר איין עצה: 'לבוא אל המלך ולהתחנן לו' - צו בעטן דעם באַשעפער אַז ער זאָל איהם געבן פרנסה. אויף די מענטשליכע שפראַך, ווערט די פרנסה פון מענטש אָנגערופן 'זיצן', ווי מענטשן זאָגן אויף וויפיל 'זיצט' יענער... דאָס איז די כוונה פון פסוק. ער פרעגט מיט וואונדער: 'ממושבותיכם'? - צי דען פון דעם אָרט וואו איר 'זיצט', דאָס הייסט, פון די אַרבעט אויפ'ן פעלד אָדער אַנדערע השתדלות, 'תביאו לחם'? - וועט איר האָבן ברויט צו עסן? ניין... נאָר 'תנופה' אותיות 'תנו פה'. מיט די תפילות פון אייער מויל ('פה') וועט איר פועל'ן אַז דער אויבערשטער זאָל אייך געבן 'לחם לאכול ובגד ללבוש'.

**ג.** די גמרא אין מסכת' שבת (לא.) דרש'ענט דעם פסוק (ישעיה לג, ו) 'והיה אמונת עתך חוסן ישועות חכמת ודעת'. זאָגט די גמרא, אַז 'אמונת' איז מרמז אויף סדר זרעים, און 'עתך' איז מרמז אויף סדר מועד. ברענגט תוספות (ד"ה 'אמונת') די ווערטער פון ירושלמי, אַז דאָס וואָרט 'אמונת' איז מרמז אויף סדר זרעים, 'שמאמין בחי עולמים וזורע'. דער מענטש גלייבט אין דעם אויבערשטען, און ער טוט איינזייען די תבואה אין פעלד. דאַרף מען פאַרשטיין, בפשטות זעהט עס אויס אַז אדרבה, דער וואָס גלייבט נישט אין די אַרבעט פון פעלד, ווערט גערעכנט מער ווי איינער וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, ווי דער וואָס אַרבעט יאָ אין פעלד (ווייל דער וואָס אַרבעט אין פעלד, טוט עס דאָך ווייל ער מיינט אַז זיין אייגענע אַרבעט וועט מאַכן וואַקסן די פרוכט). ענטפערט דער 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ס'איז אַ גרעסערע מדריגה אויב דער מענטש וואָס אַרבעט פאַר פרנסה און ער גלייבט נאָך אַלץ אין דעם אויבערשטען אַז נישט די אַרבעט און האָרעוואַניע ברענגען איהם די פרנסה, נאָר דער אויבערשטער איז דער וואָס ער שפּייזט 'מקרני ראמים עד ביצי כינים', אַזאַ איינער איז חשוב'ער ווי איינער וואָס טוט גאָרנישט. ער זייעט נישט איין אין פעלד, און ער האָט נישט אויף וואָס אָנצוהענגען זיין פרנסה, נאָר אויף דעם אויבערשטען. וועגן דעם זאָגט די גמרא, 'אמונת זה סדר זרעים'. אויך דאָרט וואו ער מאַכט זיין 'השתדלות', ווערט ער נישט איבערגעדרייט מיט'ן היפוך פון אמונה, ווייל ער ווייסט אַז השתדלות איז אַ זאַך וואָס דער מענטש דאַרף טוהן, אָבער עס העלפט איהם נישט פאַר זיין פרנסה. (ספר הזכות, פ' שלח)

אין בית המדרש און געזעהן ווי מרדכי לערנט מיט זיינע תלמידים די הלכות פון קמיצה. זאָגט דאָרט רש"י, אַז מרדכי האָט גע'דרש'ענט 'בענינו של יום' - די הלכות וואָס זענען נוגע צו יענעם טאָג, וואָס איז געווען דער זעכצנטער טאָג פון חודש ניסן, דער טאָג ווען מ'ברענגט דעם עומר. האָט המן זיי געפרעגט וועגן וואָס זיי לערנען, און זיי האָבן געענטפערט, אַז אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָט יעדער וואָס האָט מנדר געווען אַ קרבן מנחה, געברענגט אַ 'קומץ' פון זעמל-מעהל, און ווען ער האָט מקריב געווען דעם קומץ, האָט ער געהאַט אַ כפרה. האָט המן געזאָגט צו מרדכי און זיינע תלמידים, אייער 'קומץ' איז געקומען און אַוועקגעשטופט מיינע צען טויזנט שטיקער זילבער, וואָס איך האָב געגעבן פאַר אחשורוש כדי אומצוברענגען ח"ו די אידן.

**פרעגט** דער מהר"ל, פון וואו האָט המן געוואוסט, אַז דווקא די מצוה פון ברענגען דעם 'עומר', האָט איהם באַזיגט און אַוועקגעשטופט די צען טויזנט זילבער-שטיקער, און נישט אַן אַנדערע מצוה וואָס די אידן האָבן מקיים געווען?

**ענטפערט** דער מהר"ל, אַז דורך דעם וואָס מ'געברענגט דעם עומר, נעמט מען אָן דעם אויבערשטען אַלס דער באַשעפער פון דער וועלט, אַז ער איז דער וואָס פירט די נאַטורליכע וועלט, ווייל ער איז דער בעל הבית אויף די טבע. ווען המן האָט געזעהן אַז אידן אנערקענען אַז ס'איז בכלל נישטאָ קיין 'טבע' אויף דער וועלט, און זיי ווייסן אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס, האָט המן פאַרשטאַנען, אַז דער אויבערשטער וועט זיי ווייזן אַז ער פירט טאַקע די וועלט, און ער וועט פאַרענדערן פאַר זיי די גאַנצע טבע, דורך בטל מאַכן די גזירות און די דינים, און דער כבוד פונעם אויבערשטען וועט גרויס ווערן איבער דער גאַנצער וועלט[ד].

**אין** פרשת ויחי שטייט (בראשית מט, א) 'ויקרא יעקב לבניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים'. זאָגן אונז חז"ל אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט אַנטפלעקן פאַר זיינע קינדער די צייט פון דעם קץ הימין, און די שכינה האָט זיך אָפּגעטוהן פון איהם.

**זאָגט** דער 'שפת אמת' (ויחי תרל"ד, ד"ה 'אדוני אבי זקני'), אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט אַנטפלעקן פאַר זיינע קינדער, אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אויך אינעם גלות, און אַלעס ווערט געפירט מיט'ן כח פון דעם אויבערשטען, נאָר ס'איז באַהאַלטן, און נאָר אויב זיי וואָלטן משיג געווען די דאָזיגע ידיעה, וואָלט בטל געוואָרן פון זיי די גזירה פון 'גלות', ווייל אויב מ'זעהט דעם אויבערשטען אין יעדן אָרט, ווערט עס דאָך נישט גערעכנט ווי אַ גלות. ווען דער מענטש ווייסט אַז אַלעס איז נאָר אַ 'הסתר' און אַ 'העלם', ווערן תיכף בטל אַלע דינים און הסתרים. וועגן דעם האָט די שכינה זיך אָפּגעטוהן פון יעקב אבינו ע"ה, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז אידן זאָלן זיין אין גלות.

---

**ד.** ס'איז אַ גרויסער כלל, אַז דער אויבערשטער העלפט און שיצט נאָר דעם מענטש וואָס פאַרלאָזט זיך נאָר אויף איהם, און ער רעדט זיך נישט איין אַז ער קען זיך אַן עצה געבן מיט'ן דרך הטבע, אָדער אויף זיין וואונדערבאַרע קלוגשאַפט און כשרונות, אָדער אויף די 'פאַרבינדונגען' וואָס ער האָט מיט דעם און מיט יענעם... ווייל דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויף זיך אַליין, און אויף זיינע אייגענע כוחות, טוט ער דערווייטערן פון זיך די ישועה, ווי די ראשונים (אבן עזרא, רד"ק, און אַנדערע) טייטשן די ווערטער פון דוד המלך ע"ה (תהלים קטז, ו) 'שומר פתאים ה', דלותי ולא יהושע'. דער 'פתי' וואָס ווייסט נישט אַ תחבולה ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, טוט דער אויבערשטער איהם אָפּהיטן ווען ער פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען. דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא ביי דעם 'פתי', נאָר אויך וועגן אַ קלוגן מענטש וואָס ער מאַכט זיך אַזוי ווי אַ 'נאַר', און ער פאַרלאָזט זיך נישט אויף זיין אייגענע קלוגשאַפט. אויף דעם זאָגט דוד המלך ע"ה: 'דלותי ולי יהושיע', 'שלא אחשוב תחבולות להימלט, כי שמתי נפשי כאחד הפתאים'. איך וועל נישט טראַכטן עצות ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, ווייל איך האָב זיך געמאַכט ווי איינער פון די נאַרישע מענטשן. און ווען איך בין געווען אָרים און איך האָב נישט געהאַט אויף וועמען זיך אָנצולעהנען - 'דלותי', דאַן וועט מקוים ווערן, 'ולי יהושיע' - וועט דער אויבערשטער מיר העלפן.

ירצה לקרבן - דווקא דורך די שוועריגקייטן שטייגט דער מענטש אין דער היינטיגער סדרה (כב, כז) לייענען מיר: שור או כשב או עז וגו' ירצה לקרבן אשה לה'. זאָגן חז"ל (ויק"ר פכ"ז ה) אַ טעם פאַרוואָס פון אַלע בעלי חיים איז מען מקריב קרבנות אויפ'ן מזבח נאָר פון די סאָרט באַשעפענישן (אַן אָקס, אַ שעפּס, און אַ ציג), ווייל דער פסוק זאָגט (קהלת ג, טו) 'האלוקים יבקש את הנרדף'[ה]. דער אויבערשטער זאָגט: אַן אָקס ווערט גע'רודפ'ט פונעם לייב. דער ציג ווערט גע'רודפ'ט פונעם טיגער, דאָס שעפּסל ווערט גע'רודפ'ט פונעם וואָלף. זייטס נישט מקריב פאַר מיר פון די 'רודפים', נאָר פון די 'נרדפים' - נאָר פון די וואָס ווערן גע'רודפ'ט.

---

**ה.** עס דערציילט איינע פון די משמשים פון הרה"ק מהר"ש (השני) מבאבוב זי"ע, אַז אַמאָל האָט ער געוואָלט פאָרן קיין וויליאַמסבורג, זיך צו באַטייליגן אין דער לויה פון אַ איד וועלכער איז נישט געווען אַ 'היימישער' באָבוב'ער חסיד, און די שטוב-מענטשן האָבן איהם נישט געקענט. האָט דער משמש געפרעגט דעם באָבוב'ער רב, וואָס האָט דער רבי מיט דעם איד, אַז ער איז זיך אַזוי מטריח צו פאָרן צו זיין לויה. האָט דער באָבוב'ער רב געענטפערט:

- אַסאַך יאָרן צוריק האָט יענער מיט מיר געטשעפּעט ברבים, און ער האָט מיך פאַרשעהמט אויף אַ שרעקליכן אופן. יענער בזיון איז למעשה געווען פאַר מיר אַ גרויסע טובה, און צוליב דעם וויל איך, אלס 'הכרת הטוב', פאָרן איהם געבן דעם כבוד האחרון...

אָט איז אַ וואונדערליכע געשיכטע, וואָס מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, וועלכער וואוינט אין דער הייליגער שטאָט צפת תו"ב. אַסאַך יאָרן פון דער חתונה, האָט ער נישט זוכה געווען צו קינדער. דאָס פאָרפאָלק איז געגאַנגען צו דאָקטוירים, אָבער ליידער אָן ערפאָלג.

עטליכע יאָרן צוריק, האָט ער אויפגעשטעלט מיט זיין בני בית אַן אָרגאַניזאַציע פון חסד, צו טוהן טובות מיט אַנדערע אידן. זיי האָבן אַריינגעלייגט אויסערגעוועהנליכע כוחות טאָג און נאַכט, און אַסאַך געלט. צוויי יאָר צוריק, האָט אַ געוויסער פאַרשוין געוויזן צו לייגן אַ האַנט אויף זייער מוסד, און נישט נאָר דאָס, נאָר ער האט איהם אַמאָל אָנגעשריגן און פאַרשעהמט פאַר אַ גרויסן עולם... דער יונגערמאַן האָט זוכה געווען צו זיין פון די 'נעלבים ואינם עולבים'. ער האָט נישט צוגעלאָזט קיינעם צו ענטפערן פאַר יענעם פאַרשוין, און פון הימל האָט ער באַקומען זיין שכר, ער איז תיכף געהאָלפן געוואָרן אָן שום הסבר, און זיי האָבן געבוירן אַ בן זכר למזל טוב געזונטערהייט (טראָץ די וואָרענונגען פון די דאָקטוירים אַז עס קען שאַפן אַ געפאַר ח"ו). י' ניסן תשפ"ב, האָבן זיי געמאַכט דעם 'פדיון הבן' פון זייער בכור ברוב עם, להודות ולהלל...

און אָט איז נאָך אַ מעשה, וואָס איר אָנהייב איז פרשת פרה תשפ"א, און עס ענדיגט זיך גענוי אַ יאָר שפּעטער - פרשת פרה תשפ"ב. אַ איד פון וויליאַמסבורג האָט שבת פרשת פרה געמאַכט אַ שמחה אין אַ שול וואו עס דאַווענען הונדערטער אידן בלי עין הרע. ער האָט באַשטעלט אַ באַקאַנטן חזן צו דאַווענען פאַר'ן עמוד.

שבת אינדערפרי, ווען יענער חזן איז צוגעגאַנגען צו 'שוכן עד', האָט ער זיך אַביסל 'צעזינגען' ביים דאַווענען, צום גענוס און פאַרגעניגן פון גאַנצן עולם מתפללים. ווען דער חזן האָט געהאַלטן אינמיטן די ווערטער 'וכולם מקבלים עליהם עול מלכות שמים זה מזה', האָט אַן עלטערער איד, וועמען עס האָט 'געעקעלט' דאָס גאַנצע אריכות פונעם חזן, זיך צעשריגן הויך אויף קול: 'נו... נו...'. דער בעל שמחה און די מתפללים אין שול האָבן אָבער ערמוטיגט דעם חזן צו דאַווענען ווייטער, און ווען ער איז אָנגעקומען צום שטיקל 'לא-ל ברוך נעימות יתנו', האָט דער שליח ציבור אָנגעהויבן פון אָנהויב שטיקל, מיט אַ ניגון... אַזוי האָט ער ביי יעדן וואָרט זיך אונטערגעזינגען. ווען ער האָט געהאַלטן ביי 'המחדש בטובו', האָט דער חזן פלוצלינג געשפּירט אַ 'געזונטן' פּראַסק אין באַק... דער דערמאנטער עלטערער איד, האָט נישט געקענט באַהערשן זיין כעס, און ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד און איהם 'דערלאַנגט' אַ פּאַטש 'לעיני כל ישראל'... דער חזן האָט אָבער באַוויזן זיך צו האַלטן רואיג, און ער האָט פאָרגעזעצט מיט'ן דאַווענען, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

דער אַלטער איד האָט זיך אָבער נאָך אַלץ נישט באַרואיגט. באַלד נאָך די שטילע שמונה עשרה, ווען דער חזן האָט געענדיגט דאַווענען און זיך צוריקגערוקט מיט די דריי 'פסיעות', ביי 'עושה שלום', האָט דער עלטערער איד ממש 'פאַרכאַפּט' דעם עמוד... ער האָט געשריגן: 'איך וועל זיך נישט אַוועקרירן פון דאָ!'. דער עולם האָט פּרובירט בעטן דעם אַלטן איד, ער זאָל לאָזן דעם חזן ווייטער דאַווענען, אָבער יענער איז געשטאַנען ביים עמוד, און געזאָגט:

**זאָגט** דער מדרש ווייטער, ווי נאך זעהט מען אז דער אויבערשטער טוט אויסוויילן נאָר די גע'רודפ'טע? הבל איז גע'רודפ'ט געוואָרן פון קין, האָט דער אויבערשטער אויסגעוויילט הבל. נח איז געוואָרן פאַרפאָלגט פון די מענטשן פון זיין דור, און דער אויבערשטער האָט אויסגעקליבן נאָר נח. אברהם איז גע'רודפ'ט געוואָרן דורך נמרוד, און דער אויבערשטער האָט אויסגעוויילט אברהם. די אידן ווערן פאַרפאָלגט דורך די פעלקער, און דער אויבערשטער טוט אויסוויילן די אידן' (זעה דאָרט באריכות).

**דאָס** איז נישט געזאָגט געוואָרן נאָר וועגן איינעם וואָס ווערט גע'רודפט' דורך 'בעלי חיים', אָדער דורך אַנדערע מענטשן, נאָר דאָס זעלבע איז ביי יעדן צער און יסורים ל"ע וואָס 'רודפ'ן' דעם מענטש, קען ער דורך דעם זוכה זיין אַז 'אלוקים יבקש את הנרדף'. דער אויבערשטער דערנענטערט זיך גאָר שטאַרק צו איהם', ער דערהייבט איהם און מאַכט איהם הייליג.

**אַזוי** טייטשט דער 'נועם מגדים' דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (כא, ו) 'קדושים יהיו לאלוקיהם,

---

'פון יעצט און ווייטער, בין איך דער שליח ציבור'... צום סוף איז צוגעקומען צו איהם אַ צווייטער עלטערער איד, אַ 'זקן שקנה חכמה', און 'זקן בא בימים', און איהם געזאָגט מיט אַ טעם זקנים: וויסן זאָלסטו, אַז על פי הלכה טאָר מען נישט ענטפערן 'אמן' אויף דיינע ברכות, ווייל דו ביזט נישט אַ 'שליח ציבור', נאָר דו האָסט זיך אַליין 'צוגעשיקט'... דו ביזט נישט 'מרוצה לקהל'. איז דער זקן אַוועקגעגאַנגען פון עמוד, און דער חזן איז צוגעגאַנגען ממשיך זיין דאָס דאַווענען. ער האָט געזאָגט אַלע יוצרות לכבוד שבת פרשת פרה.

פאַר קריאת התורה, ווען דער חזן איז צוגעגאַנגען מיט דער ספר תורה צו די בימה, האָט דער גאַנצער עולם איהם 'באַזינגען' מיט 'ישר כוח'... 'ישר כוח'... מ'האָט איהם אויסגעלויבט און 'באַזינגען' פאַר'ן זיסן טעם פון זיין דאַווענען. האָט יענער זקן זיך ווידער 'אויפגעוועקט', און האָט אָנגעשריגן דעם חזן, 'דו האָסט היינט 'געזינגען', אַזוי ווי אַ פרה אדומה'... דער חזן האָט אָבער ווייטער געשוויגן, נישט ענטפערנדיג אַפילו מיט אַ וואָרט. נאָכ'ן אַראָפּלייגן די ספר תורה אויפ'ן 'שולחן', ווען דער חזן האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, איז איינער פון די אידן אין שול צוגעקומען צום חזן, און אַריינגערוימט אין זיין אויער שטילערהייט אַ בקשה, ער זאָל אַוועקשענקען דעם זכות פון זיינע בזיונות, פאַר אַ יונגערמאַן וועלכער האַלט שוין זיבן יאָר נאָך די חתונה און האָט נאָך נישט זוכה געווען צו קינדער...

מיט זיין גוט האַרץ, האָט דער בעל תפילה מסכים געווען, און אַוועקגעשאָנקען דעם גאַנצן זכות פון זיינע בזיונות, און פון זיין שווייגן, פאַר יענעם יונגערמאַן. און וואונדער איבער וואונדער: גענוי איין יאָר שפּעטער, שבת פרשת פרה תשפ"ב, האָט יענער יונגערמאַן געגעבן אין שול אַ גרויסאַרטיגן אַ גרויסן קידוש, לכבוד דעם געבורט פון זיין טאָכטער...

הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע שרייבט שוין ('שערי קדושה', א, ו) אויב דו האָסט קלוגע אויגן, זאָלסטו זוכן עמיצן וואָס זאָל דיך מצער זיין, ווייל מיט דעם טוסטו דיר אויסזוכן לעבן.

**ו.** דער 'בן איש חי' זאָגט א מורא'דיגע ווארט ('עוד יוסף חי', דרושים לפרשת בשלח): ס'איז באַקאַנט אַז דער שר של ים האָט מקטרג געווען אַז פונקט אַזוי ווי די מצריים האָבן געדינט עבודה זרה, אַזוי האָבן אויך די אידן געדינט עבודה זרה אין מצרים. וועט דער מענטש פרעגן: אויב אַזוי, ווי אַזוי זענען די אידן געראַטעוועט געוואָרן, און די מצריים זענען דערטרינקען געוואָרן אין ים? איז דער תירוץ, ווייל דער פסוק זאָגט (קהלת ג, טו) 'האלוקים יבקש את הנרדף'. און דער מדרש זאָגט (ויק"ר פכ"ז, ה) אפילו אויב דער צדיק איז דער 'רודף', און דער 'נרדף' איז אַ רשע, פונדעסטוועגן, נעמט דער אויבערשטער זיך אָן פאַר דעם נרדף (עיי"ש). דעריבער זענען די אידן געראַטעוועט געוואָרן, און די מצריים זענען דערטרינקען געוואָרן, ווייל די מצריים זענען געווען די 'רודפים', און די אידן זענען געווען די 'נרדפים'. און אויף דעם זאָגט דער פסוק (שמות יד, כב-כג) 'ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה'. דאָס הייסט, זייערע נשמות זענען געווען 'פאַרטריקנט', ווייל זיי האָבן נישט געהאַט אייגענע זכותים אַז זיי זאָלן געראַטעוועט ווערן און די מצריים זאָלן דערטרינקען ווערן. פונדעסטוועגן, 'והמים להם חומה מימינם ומשמאלם'. דייקא פאַר די אידן ('להם'), און נישט פאַר די מצריים, דערפאַר ווייל 'וירדפו מצריים': די אידן זענען געווען די 'נרדפים', און די מצריים זענען געווען די 'רודפים', עכ"ל.

ולא יחללו שם אלוקיהם וגו' והיו קודש'. דער שם 'אלוקים' איז מרמז אויף מדת הדין. קומט דער פסוק אונז לערנען, אַז די יסורים וואָס קומען, ברענגען אונז צו אַ גרעסערע און שטאַרקערע קדושה, ווי די גמרא זאָגט (ברכות ה.) 'כל שהקדוש ברוך הוא חפץ בו, מדכאו ביסורים'. דער מענטש וואָס דער אויבערשטער גליסט אין איהם, גיט ער איהם יסורים.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק: קדושים יהיו 'לאלוקיהם', זיי וועלן ווערן הייליג דורך מדת הדין וואָס קומט אויף זיי. 'ולא יחללו שם אלוקיהם' - זיי זאָלן נישט 'שטויסן' די יסורים, ווייל מיט דעם פאַרשוועכן זיי די מתנה וואָס דער אויבערשטער האָט זיי געגעבן, וואָס בעצם איז עס צום גוטן, עס זעהט נאָר אויס ווי מדת הדין (עס ווערט נאָר אָנגערופן 'שם אלוקיהם' באמת איז עס אָבער פון מקור פון חסד און רחמים).

**דער** 'שם משמואל' (פ' אמור, שנת תער"ב) רעדט אַרום ברייטער די ווערטער פון אויבן-דערמאנטן מדרש, און ער שרייבט: דאָס איז זיכער אַז אַזוי איז עס ביי יעדן פרט, ווען דער מענטש ווערט געיאָגט פון דרויסנדיגע כוחות וואָס יאָגן איהם נאָך, איז וועגן דעם אַליין ווערט פאַרגרעסערט די שמירה, ווייל וויבאַלד ער איז אַ 'נרדף', שיצט איהם דער אויבערשטער, 'והאלוקים יבקש את הנרדף'. ממילא זאָל דער מענטש נישט ווערן געפאַלן ווען ער זעהט אַז ער ווערט 'גע'רודפ'ט', בגשמיות אָדער ברוחניות, עכ"ל.

### ונקדשתי בתוך בני ישראל - זיך הייליגן בקדושה וטהרה

**אין** דער היינטיגער פרשה (כב, לב) לייענען מיר: 'ונקדשתי בתוך בני ישראל'. זאָגט דער 'שפת אמת' (אמור תרמ"ג, ד"ה 'במצוות') ס'איז דא צוויי סארטן פון 'קידוש השם'. די ערשטע איז ווען דער מענטש האט מסירות נפש אויף קידוש השם, און דערמיט קען יעדער איינער פאַררעכטן דאָס וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן דערפאַר, און אויף דעם זאָגט די גמרא (ע"ז י:) 'יש קונה עולמו בשעה אחת', דאָס איז אָבער אַן ענין פון 'חפזון', עס ווערט געטוהן אויף אַ שנעלן אופן.

**דער** צווייטע אופן איז, אויב דער מענטש קעמפט קעגן זיין יצר הרע און ער איז מבטל זיינע רצונות מיט

---

**ז.** די חשיבות פון צובראָכענער הערצער, און זייער ליבשאַפט אין די אויגן פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, קען מען זעהן פון דעם וואָס מיר געפינען ווען נבוכדנאצר, דער קעניג פון בבל, האָט באַלאַגערט ירושלים און פאַרטריבן פון דאָרט די אידן, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (מ"ב כד, יד) 'והגלה את כל ירושלים ואת כל השרים, ואת כל גיבורי החיל עשרת אלפים גולה, וכל החרש והמסגר'. זאָגט דער פסוק דאָרט ווייטער, אַז די איינציגע וואָס זענען נישט פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ ישראל, זענען געווען 'דלת עם הארץ' - די אָרימע לייט.

שרייבט אויף דעם, דער בעל 'שבט מוסר', אין זיין ספר 'מעיל צדקה' (אות תתקנז), יא, דאס איז די גרויסקייט פון די אָרימעלייט. אַלע שרים ביי אידן און זייערע גרויסע לייט, האָט דער שונא נבוכדנאצר זיי געקענט איינעמען, אָבער נישט די אָרימע און פאַרשעהמטע, וויבאַלד די שכינה געפינט זיך צווישן זיי, דעריבער האָט דער שונא נישט געהאַט רשות צו געוועלטיגן איבער זיי, און ער האָט זיי איבערגעלאָזט לעבן אין ארץ ישראל. דער אויבערשטער האָט אַריינצוגעבן אין האַרץ פון נבוכדנאצר, זיי איבערצולאָזן, כדי זיי זאָלן נישט פאַרלאָזן דעם אויבערשטען'ס הויז (ארץ ישראל), ווייל דער בוכ"ע דארף זיי לעבן זיך.

זעהען מיר דאָ אַ מורא'דיגע זאַך. די צובראָכענע הערצער זענען אַ מרכבה פאַר די שכינה, מער ווי די 'ארזי הלבנון, אדירי התורה'. זיי ווערן אָנגערופן 'החרש והמסגר', וואָס חז"ל זאָגן (גיטין פח.) אַז ווען זיי האָבן געעפענט זייער מויל צו זאָגן דברי תורה, זענען אַלע צוהערער געוואָרן ווי טויבע מענטשן (זיי האָבן זיך נישט געקענט אָנרופן), און ווען זיי האָבן פאַרמאַכט דאָס מויל ('מסגר'), האָבן זיי עס מער נישט געעפענט. טייטשט רש"י, אַ הלכה וואו זיי זענען געווען 'פאַרשלאָסן'. דאָס הייסט, זיי האָבן נישט געוואוסט צו ענטפערן פאַר די וואָס האָבן זיי געפרעגט, האָט קיינער עס שוין מער נישט געקענט עפענען. אָבער דער אויבערשטער כביכול ווייל אַז דדוקא די צובראָכענע הערצער זאָלן בלייבן נעבן איהם.

מורא'דיגע ווערטער, זאָגט דער וויזשניצער רבי הרה"ק בעל 'צמח צדיק' זי"ע (ליקוטים, ע' תקלג) בזה הלשון: 'יבקש' איז פון לשון בעטן (בקשה). דער אויבערשטער 'בעט' דעם 'נרדף', ער זאָל נישט האָבן צער, ווייל ווען אַ מענטש ווערט גע'רודפ'ט, טוט דער 'רודף' אויך 'רודפ'ן' דעם באַשעפער כביכול, ווי חז"ל זאָגן (חגיגה טו:) אַז ווען אַ מענטש

ישוב הדעת ביים לעבן. דאָס הייסט, ער גיט זיך נישט נאָך זיינע תאוות, און ער שטאַרקט זיך אויפ'ן יצר. דער צווייטער אופן, עס איז אַסאַך גרעסער דער קידוש השם וואָס אַ איד איז גורם ביי זיין לעבן, ווען ער 'שעכט' זיך אַליין און זיינע באַגערן, ווי אַ איד וואָס האָט מסירות נפש צו שטאַרבן אויף קידוש השם[ח], און אויף דעם זאָגן חז"ל (אבות פ"ד, מי"ז) 'יפה שעה אחת של תורה ומעשים טובים בעולם הזה, יותר מכל חיי העולם הבא', עכ"ל[ט].

דער 'בית אהרן' זי"ע זאָגט, אַ טעם פאַרוואָס עס ווערט אָנגערופן 'מסירות נפש', און נישט 'מסירות הגוף', ווייל דער עיקר איז ווען דער מענטש האט 'מסירות נפש', ער גיט איבער זיין 'נפש', דאָס הייסט, די רצונות וואָס ווערן אָנגערופן 'נפש''.

**אָנהייב** היינטיגע סדרה (כא, א) זאָגט דער פסוק: 'ויאמר ה' אל משה, אמור אל הכהנים בני אהרן, ואמרת אליהם לנפש לא יטמא בעמך'. פרעגט דער

---

האָט צער, זאָגט די הייליגע שכינה כביכול, 'קלני מראשי, קלני מזרועי'. און ממילא, זאָל ער עס אָננעמען מיט ליבשאַפט, עכ"ל. זעהען מיר פון דעם, ווי ווייט די שכינה באַטייליגט זיך אין דעם צער פון יעדן אידישן יחיד.

**ח.** הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, דער נייטרער ראש ישיבה, האָט פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה געהאַט פינף קינדער וואָס זענען ליידער אַלע אומגעקומען אינעם ביטערן קריג. נאָך דער מלחמה האָט רבי מיכאל בער חתונה געהאַט בזיווג שני, און עס זענען ביי איהם געבוירן געוואָרן פינף קינדער. ביי דעם ברית פון זיין פינפטן יונגל, האָט רבי מיכאל בער געזאָגט:

- אָט האָב איך פינף קינדער אין הימל, און פינף קינדער אויף דער וועלט. זאָג איך, אַלזאָ, אויף מיינע קינדער וואָס איך האָב נאָך ב"ה אויף דער וועלט, 'נקדש את שמך בעולם, כשם שמקדישים אותך בשמי מרום'. דאָס הייסט, די פינף קינדער וואָס איך האָב דאָ אויף דער וועלט, זאָלן זיך פירן בקדושה ובטהרה, און אַזוי וועלן זיי שטיין אויף דער זעלבער הויכער מדריגה ווי מיינע פריערדיגע פינף קינדער. פונקט אַזוי ווי יענע קינדער האָבן מקדש געווען דעם אויבערשטען'ס נאָמען ווען זיי זענען אומגעקומען על קידוש השם, אַזוי זאָל עס ממש גערעכנט ווערן אויב זיי וועלן פירן אַ הייליג לעבן אויף דער וועלט.

**ט.** דער מענטש זאָל נישט זאָגן: דער גאַנצער ענין פון 'ונקדשתי' איז העכער פון מיין מדריגה... ווייל באמת זענען באַהאַלטן גרויסע כוחות אין יעדן אידישן נפש, נאָר אויב ער וועט באַשליסן מיט אַ פעסטן באַשלוס צו טוהן דעם אויבערשטען'ס ווילן און צו שטייגן במעלות הקדושה, וועט ער האָבן סייעתא דשמיא, ווי דער מירער ראש ישיבה אין ירושלים, הגאון רבי חיים שמולעוויץ זצ"ל, האָט געזאָגט אויף די באַקאַנטע ווערטער פון מדרש (ויק"ר פכ"ד, ט) אויפ'ן פסוק (ויקרא יט, ב) 'קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלוקיכם', זאָגט דער מדרש: 'יכול כמוני? תלמוד לומר כי קדוש אני, קדושתי למעלה מקדושתכם'. פרעגן די מפרשים, וואָס איז געווען די הוה אמינא 'יכול כמוני'? צי דען קען אַ מענטש, אַן איינפאַכער 'בשר ודם', אַ 'קרוץ מחומר,' זיך צוגלייכן צו דעם אויבערשטען ברוך הוא?

ענטפערט רבי חיים שמולעוויץ, אַז יאָ - 'יכול כמוני', עס וואָלט געווען אַן אָרט צו זאָגן אַז דער אויבערשטער באַפעלט יעדן איינעם פון אונז, 'יכול כמוני' - דו קענסט זיין אַזוי הייליג ווי איך בין... יעדער איד פאַרמאָגט אין זיך הייליגע כוחות, נאָר ער אַליין ווייסט נישט דערפון, ווי ווייט עס דערגרייכן זיינע כחות...

אַזוי זאָגט דער 'אַלטער' פון קעלם זצ"ל, אַ טעם פאַרוואָס די תורה באַשרייבט די גאַנצע מעשה פון שכם דער זון פון חמור, וואָס ער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט דינה, די טאָכטער פון יעקב אבינו ע"ה. די תורה קומט אונז לערנען ווי ווייט עס דערגרייכט דער כוח פון אַ רצון. דער דאָזיגער גוי, שכם, האָט מיט זיין שטאַרקן באַגער צו אַ נאַרישע גליסטעניש, באַוויזן איבערצודרייען אַ גאַנצע שטאָט, אויף אַזוי ווייט אַז אַלע גוים פון שכם האָבן זיך געלאָזט מל'ען. ס'וועט דאָך קיינעם נישט איינפאַלן צו פאָדערן אַזאַ זאַך, אַז די גוים פון זיין שטאָט זאָלן זיך אַלע מל'ען פאַר אַ מצוה, אָבער דער רשע שכם, האָט עס יאָ באַוויזן צוליב דעם שטאַרקן רצון וואָס האָט געפלאַקערט אין זיין האַרץ. אויף דעם זעלבן אופן, דאַרף יעדער איד וועלן טוהן דעם רצון הבורא ('אור רש"ז', בראשית, ע' קצא).

**י.** דער 'ספורנו' טייטשט דעם פסוק 'ונקדשתי בתוך בני ישראל', אַז דאָס מיינט, איך וועל באַווייזן פאַר די אידן ניסים ונפלאות, אַזוי ווי האָב צוגעזאָגט (שמות לד, י) 'הנה אנכי כורת ברית, נגד כל עמך אעשה נפלאות'. פאַרוואָס? ווייל 'אני ה' מקדישכם'. זאָגן די ספרים אַ טעם דערפאַר, ווייל אַ איד וואָס פירט זיך הייליג, איז זוכה מ'זאָל איהם באַווייזן וואונדערליכע ניסים.

עס דערציילט דער בעל העובדא, אַז חודש אלול שנת תשפ"א, האָט זיין קליין קינד באַקומען אַ לונגען אַנטצינדונג רח"ל, און ער איז אַריינגעפירט געוואָרן אין שפיטאָל וואו ער האָט זיך געפונען צוויי וואָכן אין 'עמוירדזשענסי רום'. אין צווייטן טאָג וואָס ער איז געווען אין שפיטאָל, האָבן זיך פלוצלינג באַוויזן אויף זיין קערפער רויטע פלעקן און האָבן זיך פאַרשפרייט אין פאַרשידענע ריכטונגען. ביז עטליכע טעג איז דאָס קינד געווען פולשטענדיג רויט, און די דאָקטוירים האָבן נישט געוואוסט דעם מקור פון דער רויטקייט, צי עס האָט אַ שייכות מיט דער לונגען אַנטצינדונג, אָדער ער האָט ליידט פון נאָך אַ קראַנקהייט ל"ע.

זיבן פראָפעסאָרן זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו באַהאַנדלען בכבוד ראש די פלעקן וואָס מ'האָט געזעהן אויפ'ן קינד'ס קערפער, אויב עס קומט צוליב אַן אינפעקציע רח"ל, אָדער אַן אַנדערע סיבה. זיי האָבן אויפגעברענגט פאַרשידענע 'סברות', ביז זיי האָבן באַשלאָסן צו באַשליסן אַ טאָג שפּעטער...

אין זעלבן טאָג, האָט דער יונגערמאַן געזעהן אונזער גליון 'באר הפרשה' וואָס איז יענע וואָך ערשינען. אַריינקוקנדיג אינעם קונטרס נאָך דעם ווי די דאָקטוירים האָבן פאַרלאָזט דעם צימער, האָט דער יונגערמאַן געזעהן געשריבן, אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט מיט אַ בחור פון דער ישיבה 'יקירי ירושלים' אין ירושלים, וועלכער האָט מקבל געווען אויף זיך צו זיך שטאַרקן אין דעם ענין פון שמירת העינים, און נישט פאַרלאָזן די ישיבה גאַנץ חודש אלול. עס האָבן זיך געמאַכט וואונדן אין זיינע הענט, אָבער דער בחור האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין פון די ישיבה, צו גיין צום דאָקטאָר פאַר אַן אונטערזוכונג. האָט מען פון הימל צוגעפירט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ דאָקטאָר פון אויסלאַנד כדי צו אונטערזוכן דעם ראש ישיבה פון דער דערמאָנטער ישיבה, און פאַר איינוועגס, האָט ער שוין אונטערזוכט אויך דעם בחור, און איהם אָנגעזאָגט ער זאָל אָנשמירן אויף זיינע הענט אַ געוויסן זאַלב וואָס ער האָט געהאַט פון זיין דאָקטאָר. מ'האָט אַלזאָ געזעהן קלאָר, ווי דער אויבערשטער האָט געהאָלפן דעם בחור אָפּהיטן זיין גוטע קבלה.

ווען דער טאַטע פון דעם קינד האָט געלייענט די מעשה, האָט ער זיך באַלד געמאַכט אַ חשבון הנפש. ער זיצט דאָך יעצט אינמיטן זומער, אין אַן אָרט וואו עס הערשט פריצות ל"ע (ווי עס ווייסט יעדער וואָס דאַרף אַמאָל באַזוכן אין אַ שפיטאָל). עס איז שוין געווען סוף זומער, 'ואנה הוא בא'... האָט דער פאָטער פונעם קינד גענומען אויף זיך אַ קבלה טובה, נישט אַרויסצוגיין פון זיין צימער, נאָר אין אַ נויט פאַל. אַזוי וועט ער זיך איינשפּאָרן נישט צו דאַרפן זעטיגן זיינע אויגן מיט אַלעם וואָס מ'זעט אין שפיטאָל, וואו עס זענען דאָ אַסאַך מכשולות.

ביינאַכט איז אַ 'נוירס' געקומען אונטערזוכן דאָס קינד, און איבערצוקוקן די 'מאַשינען' צו וועלכע דאָס קינד איז געווען באַהאָפטן. אַ דערשראָקענער, האָט דער 'נוירס' געפרעגט דעם פאָטער פונעם קינד, וואָס עס באַדייטן די רויטע פלעקן אויפ'ן קינד'ס קערפער, און דער 'נוירס' האָט פון זיך אַליין געענטפערט, אַז לויט איר מיינונג, איז דאָס קינד סענסיטיוו צו 'סאָבסטיטוטן' פון מילכיגע מאכלים (ווי 'מטרנה' און פאָרמולע), וואָס פון דעם שפייזט ער זיך. זי האָט אויך געזאָגט פאַר דעם פאָטער פונעם קינד, אַז ווען עס קומט די צייט צו עסן, זאָל ער צוגיין צו די אויפזעער אין שפיטאָל, און בעטן ביי זיי אַ פלעשל מיט ספּעציעלע עסן. דער טאַטע פונעם קינד האָט אָבער מורא געהאַט צו טוהן אַזוי, אָן די ערלויבעניש פונעם קינד'ס דאָקטוירים, ווייל זיי באַשטימען דאָך פאַר יעדן פאַציענט וואָס פאַר אַ מאכל ער זאָל עסן. דער 'נוירס' האָט איהם אָבער גע'עצה'ט, ער זאָל נישט פרעגן איבעריגע שאלות. 'גיי צו זיי, און בעט פון זיי דעם ספּעציעלן עסן, גלייך ווי זיי וואָלטן אַזוי באַשטימט פאַר איהם', האָט דער 'נוירס' איהם געזאָגט. ער האָט טאַקע געפאָלגט זיין עצה, און צומאָרגנס האָט זיך שוין אָנגעזעהן אַ שטאַרקע בעסערונג אין די פאַרב פון דעם קינד'ס הויט, און ביז עטליכע טעג איז מקוים געוואָרן 'אזיל סומקא ואתי חיוורא' דער רויטער קאָליר איז פאַרשוואונדן, און אויף זיין אָרט איז געקומען אַ ווייסער קאָליר, אַזוי אַז די הויט האָט צוריקבאַקומען דעם זעלבן אויסזעהן.

וואָס לערנען מיר פון דעם? זיבן גרויסע פראָפעסאָרן זענען געווען אין אַ שווערע פאַרלעגנהייט נישט ווייסנדיג וואָס צו טוהן, נאָר אַ פשוט'ער 'נוירס' האָט פאַרשטאַנען דעם שורש פון די קראַנקהייט! דאָס איז נישט אַנדערש נאָר די האַנט פון דעם באַשעפער, אַז נאָך דעם ווי דער פאָטער האָט זיך מחזק געווען מיט אַ גדר קדושה, צו היטן זיין אויגן ריין און הייליג, און מקיים זיין ביי זיך דעם ציווי פון 'ונקדשתי', האָט ער באַלד זוכה געווען צו מאַכן מיט זיי 'וואונדער'...

זוהר הקדוש (פט.) פאַרוואָס הייבט אָן דער פסוק מיטן זאָגן אַ לשון רבים -'ואמרת אליהם', און דערנאָך זאָגט דער פסוק בלשון יחיד, לנפש לא 'יטמא', און נישט, לא 'יטמאו'.

**ענטפערט** דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, אַז די אזהרה פון 'לא יטמא' איז געזאָגט געוואָרן אויך כלפי ענינים פון יראת שמים. דער מענטש דאַרף זיך היטן בקדושה, אַז ער זאָל נישט צוקומען צו טומאה ח"ו. צוליב דעם רעדט דער פסוק אין אַ לשון יחיד, און נישט לשון רבים, ווייל דאָס איז נישט אַ כלליות'דיגער אָנזאָג פאַר יעדן איינעם גלייך, נאָר דער באַפעל איז געזאָגט געוואָרן אויף אַ באַזונדערן אופן פאַר יעדן איינעם, לויט זיינע ספּעציעלע נסיונות[יא]. דאָס איז אויך געזאָגט געוואָרן פאַר יעדן איינעם לויט זיין מצב און מדריגה, אַז ער זאָל צוגעבן צו זיין אייגענע קדושה, מער קדושה און יראת שמים.

---

**יא.** אויב דער מענטש רעדט זיך איין אַז ער איז שוין ליידער פאַרפאַרן צו ווייט, און ער איז שוין חלילה נישט אין דעם כלל פון 'ונקדשתי', זאָל ער הערן די ווערטער פון חיזוק, וואָס דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'בית ישראל' זי"ע, האָט געזאָגט אויף דעם פסוק אין דער הייניגער סדרה (כא, ד) 'לא יטמא בעל בעמיו להחלו'. זאָגן חז"ל (תורת כהנים, כא, י, און רש"י ברענגט עס אויף דעם פסוק) אַז די תורה רעדט דאָ וועגן אַ כהן וואָס האָט חתונה געהאַט באיסור מיט אַ פרוי וואָס איז געווען גע'גט. ער טאָר זיך נישט מטמא זיין צו איר נאָך איר טויט. נו, לאמיר אריין טראַכטן פון וואָס מ'רעדט דאָ. דאָ רעדט מען פון אַ כהן אַן 'עבריין', וואָס ער האָט עובר געווען אויף אַן איסור דאורייתא בפרהסיא (ביי אַ חתונה באַטייליגן זיך דאָך מערערע מענטשן), און בית דין האָט אַוודאי געוואָלט מקיים זיין 'וקדשתו', וואָס רש"י טייטשט עס (פסוק ח') אַז אויב דער מאַן וויל נישט גט'ן זיין פרוי, קען בית דין איהם געבן מלקות און איהם פייניגן ביז ער וועט איר געבן אַ גט. פונדעסטוועגן, האָט בית דין נישט באַוויזן איהם אָפּצושיידן פון דעם איסור, צוליב זיין האַרטנעקיגקייט. אויב אַזוי, וואָס איז שייך צו זאָגן צו אַזאַ כהן, ער זאָל נישט ווערן טמא? וואָס פאַר אַ קדושה איז דען נאָך געבליבן אין איהם, נאָך דעם אַלעם וואָס ער האָט אַלץ אָפּגעטוהן? אלא מאי, איז פון דאָ אַ קלאָרע ראיה, אַז יעדער איד - אפילו אויב ער געפינט זיך אינעם נידעריגסטן מצב רח"ל, האָט ער נאָך אין זיך אַ קדושה, און אויך אַזאַ איינעם וואָרנט די תורה, 'לא יטמא', ער זאָל נישט ווערן טמא. ער זאָל זיך היטן בקדושה ובטהרה.

צו דעם האָט צוגעגעבן הרה"ג ר' צבי אַבראַמאָוויץ ז"ל, אין ספר 'טעם הצבי': דער תרגום אונקלוס זאָגט אויף די ווערטער 'בעל בעמיו', אַז דאָס מיינט 'רבא בעמיה' אַ בכבוד'דיגער מענטש. לויט די ווערטער פונעם 'בית ישראל' קען מען זאָגן, אַז דער פסוק רעדט צום כהן וואָס האָט געטוהן אַן עבירה און חתונה געהאַט מיט אַ 'גרושה', דו ביזט אַ 'מכובד'דיגער מענטש', טראָץ די עבירה וואָס דו האָסט געטוהן, איז נאָך אַלץ דאָ אין דיר פון די קדושה פון אהרן הכהן. ממילא, דאַרפסטו זיך היטן דו זאָלסט נישט טמא ווערן...

דאָס זעלבע קענען מיר זאָגן פאַר יעדן איינעם פון אונז: דו ביזט אַ 'בעל בעמיו', און ממילא, זאָלסטו נישט פאַרשוועכן דיין קדושה ח"ו.

דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב האָט געזאָגט, דער מקור פון דעם דין אַז מ'דאַרף האָבן אַ מנין אידן פאַר יעדן דבר שבקדושה וואָס מ'זאָגט, לערנט מען אַרויס (מגילה כג:) פון אַ 'גזירה שוה', פון דעם פסוק אין דער הייניגער סדרה (כב, לב) 'ונקדשתי בתוך בני ישראל'. לערנט מען אַ 'גזירה שוה', 'תוך תוך', ביי די מענטשן פון קרח שטייט (במדבר טז, כא) 'הבדלו מתוך העדה הזאת', און דאָרט זענען געווען צען מענטשן, ווייל מ'לערנט אַ 'גזירה שוה', די ווערטער 'עדה' 'עדה', פון די מרגלים, וואָס דער פסוק זאָגט (שם יד, כז) 'עד מתי לעדה הרעה הזאת'. דאָרט זענען דאָך געווען די צען מרגלים [יהושע און כלב זענען דאָך נישט געווען אַ טייל פון עדת מרגלים].

דאַרף מען פאַרשטיין פאַרוואָס מ'לערנט אַרויס דעם גאַנצן לימוד פאַר יעדן דבר 'שבקדושה', פון אַזעלכע זינדיגע מענטשן ווי די עדה פון קרח און די מרגלים. איז דער תירוץ, אַז אדרבה, דאָס האָבן חז"ל אונז טאַקע געוואָלט לערנען, אַז אַפילו אַזעלכע רשעים גמורים ווי קרח און זיינע מענטשן, און די מרגלים, זענען אויך ראוי מ'זאָל זיי מצרף זיין צו אַ מנין, ווייל זייער 'תוך', דאָס פנימיות פון זייערע נשמות, איז געווען 'גוט', און ממילא, האָבן זיי אויך אַ תקנה. אַלע זייערע שלעכטע מעשים זענען נאָר ווי אַ דרויסנדיגער מלבוש, און פון דעם קען מען אַרויסלערנען אויף יעדן דבר שבקדושה.

# ל"ג בעומר

**מי שטרח בערב שבת - הכנה דרבה איידער מ'גייט אַריין אין רבי שמעון'ס טאָג**

**גאָר** הייליג און פאַרכטיג איז דער טאָג פון ל"ג בעומר[יב].

דער טאָג שיינט מיט אַן "אור מופלא רום מעלה", און דאָס איז "ר' שמעון'ס טאָג", ווי ער אַליין האָט געזאָגט ("אידרא זוטא", האזינו, רצא:) ווען ער האָט מגלה געווען די סודות התורה אין טאָג פון זיין הסתלקות, און האָט צוריקגעהאַלטן די זון אַז זי זאָל נישט אונטערגיין[יג], כל זמן ער האָט נאָך נישט געענדיגט מגלה אַלע סודות וואָס ער האָט דעמאָלטס געוואָלט מגלה זיין, אַזוי שטייט אין זוהר הקדוש: "והאי יומא לא יתרחק למיעל לדוכתא כשאר יומא", און דער טאָג זאָל זיך נישט דערווייטערן פון אונז, אַרויפצוגיין צו זיין אָרט, "דהא כל יומא ברשותי קיימא" - ווייל דער גאַנצער טאָג איז אין מיין רשות.

**אין** דעם טאָג פון ל"ג בעומר, ווערן געעפענט אַלע טויערן אין הימל משפיע צו זיין אויף אידישע קינדער שפע עד בלי די, ווי עס ווערט געברענגט ("טעמי המנהגים"), אַז י'ושפע ש'פע ר'ב ב'כל ה'עולמות איז ר"ת רשב"י[יד].

**וויבאַלד** דער טאָג פון ל"ג בעומר איז אַזוי הייליג, דאַרפן מיר מאַכן דערצו די ריכטיגע הכנה,

---

**יב.** עס ווערט געברענגט אין ספר "הילולא דרשב"י", אַז הרה"ק רבי אברהם קאַליסקער זי"ע פלעגט זאָגן מיט אַ פייערדיגע התלהבות, ווען ער האָט זיך גע'טובל'ט אין מקוה ל"ג בעומר: "הריני מקבל עלי קדושת היום"

**יג.** לויט דעם, זאָגט דער "בני יששכר" (ל"ג בעומר, מאמר ו') אַ טעם (צווישן אַ צאָל אַנדערע טעמים) פאַרוואָס מ'צינדט אַ סאַך לעכט ל"ג בעומר, און מ'מאַכט גרויסע "הדלקות" לכבוד דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי, אַלס אַ זכר אַז אין דעם טאָג איז פאַרמערט געוואָרן דער שיין פון די זון, דורך דעם וואָס די זון איז אונטערגעגאַנגען שפּעטער, און כדי צו ווייזן, אַז אַלע אורות ווערן בטל צו דעם גרויסן "אור", וואָס דאָס איז דער אור הגנוז וואָס האָט געלויכטן יענעם טאָג ווען רשב"י האָט אַנטפּלעקט סודות התורה.

**יד.** הרה"ק רבי משה'לע ראַזוואַדאָווער זי"ע (אַ זון פון הרה"ק רבי אליעזר'ל דזשיקוב'ער זי"ע, און אַן אייניקל פון הייליגן זרע קודש זי"ע) האָט גע'פועל'ט גרויסע מופתים למעלה מדרך הטבע. און ער פלעגט אָנזאָגן אַלע וואָס האָבן זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, צי אין געזונט, אין פרנסה, מיט זרע של קיימא אָדער ביי סיי וועלכן ענין, אַז זיי זאָלן קומען צו איהם אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר. ער האָט געזאָגט: 'לבי ובשרי ירננו אל קל חי' (תהלים פד, ג) לב"י איז ראשי תיבות ל"ב יו"ו, דאָס הייסט, נאָך דעם טאָג פון ל"ב לעומר, קומט דער כח פון 'בשרי', אותיות רשב"י. דער דאָזיגער טאָג איז מסוגל מתפלל צו זיין און מקיים זיין 'ירננו אל קל חי', ווייל דאַן נעמט דער אויבערשטער אָן די תפילה.

דער ראַזוואַדאָווער רב זי"ע פלעגט זאָגן (געברענגט אין ספר 'החכמה מאין', להרה"ח ר' יאָשע ליפשיץ ע"ה), אַז ס'איז נישט דאָ אין גאַנצן יאָר אַ בעסערע צייט ווי דער טאָג פון ל"ג בעומר. ווען עס איז געקומען נענטער צו פאַרנאַכטס, האָט ער געזאָגט: אויב איך וואָלט געווען בכח, וואָלט איך אָנגעכאַפּט די זון מיט די ציין אַז זי זאָל נישט אונטערגיין, און דער טאָג ל"ג בעומר זאָל זיך קיינמאָל נישט שיידן פון אונז.

מ'דערציילט וועגן דעם ספּעציעלן כח וואָס דער ראַזוואַדאָווער רב האָט געהאַט אין ל"ג בעומר, אַז אַמאָל איז דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע געווען ביי זיין מחותן, הרה"ק רבי ר' אליעזר זי"ע פון דזשיקוב, אין די טעג פאַר ל"ג בעומר. געווען איז עס אין די יאָרן ווען דער דזשיקוב'ער רב איז שוין געווען זייער שוואַך ל"ע, אָבער לכבוד דעם גרויסן גאַסט איז ער אַרויס פון זיין גדר, און ער האָט אויפגענומען דעם צאַנזער רב מיט'ן געהעריגן כבוד. אינמיטן דעם שמועס פון די צוויי צדיקים, האָט דער 'דברי חיים' זי"ע געזאָגט פאַר זיין מחותן דעם דזשיקוב'ער רב, אַז ער גרייט זיך צו פאַרבלייבן אין דזשיקוב עטליכע טעג.

האָט דער דזשיקוב'ער רב איהם געזאָגט, אַז ער איז טאַקע זייער שוואַך, און ער פירט שוין נישט קיין 'טיש' מיט'ן עולם, אָבער לכבודו פונעם צאַנזער רב, וועט ער פירן טיש אין ל"ג בעומר. ער האָט אָבער געבעטן דעם מחותן, ער זאָל איהם זאָגן ווען ער וועט זיין גרייט נאָך זיין הייליגע עבודה, אַז דער צאַנזער רב זאָל קענען קומען צום טיש. האָט דער צאַנזער רב איהם געזאָגט, אַז ער וועט זיין גרייט צווייי אַזייגער נאָכמיטאָג. ווען ס'איז געקומען די אָפּגעשמועסטע צייט, און קיין זכר פונעם אָנקומען פון צאַנזער רב איז נישט געווען... איז איינע פון די חסידים

און רייניגן אונזערע מחשבות און אונזערע הערצער. דאָס איז אויך די כוונה פון די הדלקות און מדורות וואָס מיר צינדן אָן לכבוד דעם הייליגן תנא רשב״י. מ'פאַרברענט דעם חלק הרע וואָס געפינט זיך אין האַרצן, ווי חז״ל זאָגן (תנחומא, נשא, כט) "עושה לו מדורה בפני עצמו". יעדער מענטש זאָל אָנצינדן דאָס פנימיות פון זיין האַרץ פאַר דעם באַשעפער ית״ש, און אין דעם זכות, וועט ער פאַרשניידן אַלע כוחות הטומאה, און עס וועלן אָפּגעטוהן ווערן די מחיצות וואָס טיילן אָפּ אידישע קינדער פון דעם באַשעפער.

**עס** ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (ח״ג קמד:) אַז דער תנא רבי יהודה האָט אָנגערופן דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי, מיט'ן נאָמען "שבת". ער האָט געזאָגט, "מה שבת לה' קודש, אוף רבי שמעון שבת לה' קודש", פונקט ווי דער שבת איז געהייליגט פאַרן באַשעפער, אַזוי אויך איז רבי שמעון בר יוחאי געהייליגט פאַרן באַשעפער.

**לויט** דעם קען מען זאָגן, אַז פונקט ווי מ'דאַרף מאַכן אַ הכנה צום שבת, ווי חז״ל זאָגן (ע״ז ג.) "מי שטרח בערב שבת, יאכל בשבת", אַזוי דאַרף אויך דער הייליגער טאָג פון ל״ג בעומר, האָבן אַ געהעריגע הכנה, ווייל אַלעס ווענדט זיך ווי אַזוי דער מענטש "גייט אַריין" אין רבי שמעון'ס טאָג.

די השפעות קומען לויט די הכנה וואָס דער מענטש מאַכט דערצו, ווי מיר זאָגן פרייטאָג צו נאַכטס (זמירות ליל שב״ק), "כל מקדש וכו' כל שומר שבת קודש כדת מחללו, שכרו הרבה מאד על פי פעלו". פרעגן די מפרשים, עס איז דאָך דאָ אַ סתירה אין די ווערטער פונעם פייטן: אויב מען זאָגט "שכרו הרבה מאד", אַז מען באַקומט גאָר אַ סאַך שכר פאַר שמירת שבת, איז דאָך דער באַדייט דערפון, אַז דער מענטש באַקומט שכר נאָך מער ווי ער איז ראוי צו באַקומען, אָבער אַז מיר זאָגן "על פי פעלו", איז משמע אַז מיר באַקומען שכר נאָר לויט וויפיל מיר הייליגן זיך אין דעם טאָג פון שבת.

**ענטפערט** הרה״ק רבי ברוך'ל וויזשניצער זי״ע (מובא בקונטרס "אור ישראל", שבסו״ס "בשם מרדכי" להגה״צ מבאנילא זצ״ל), אַז שבת איז ענליך צו אַ גוטע סחורה, וואָס אויב דער מענטש אינוועסטירט געלט אין די סחורה, קען ער שיין פאַרדינען דערביי. עס ווענדט זיך אָבער וויפיל געלט ער לייגט אַריין דערין. וואָס גרעסער ס'איז זיין אינוועסטירונג, אַלץ גרעסער זענען זיינע פאַרדינסטן.

---

פון דזשיקוב'ער רב אַריבערגעגאַנגען צו די אכסניא פון הייליגן צאַנזער רב, איינמעלדן אַז דער מחותן, דער דזשיקוב'ער רב, וואַרט אויף איהם ער זאָל קומען צו די סעודה אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט.

ווען דער שליח איז אָנגעקומען אויף דער אכסניא פון צאַנזער רב, האָט ער געבעטן די משמשים פון צאַנזער רב, זיי זאָלן אַריינגיין זאָגן דעם רב אַז ער זאָל קומען צו די סעודה פון דזשיקוב'ער רב. האָבן די משמשים איהם געזאָגט, אַז זיי האָבן מורא אַריינצוגיין צום צאַנזער רב, ווייל דער רבי זיצט שוין פאַרשפּאַכט עטליכע שעה... 'אויב דו ווילסט, קענסטו אַריינגיין...', האָבן זיי געזאָגט צום שליח פון דזשיקוב'ער רב. דער שליח האָט גוט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, און ער איז מיט פחד צוריקגעגאַנגען צום דזשיקוב'ער רב.

דאַן האָט דער ראָזוואַדאָווער רב באַשלאָסן אַליין אַריבערצוגיין צום צאַנזער רב, ווייל ער האָט דאָך די מצוה פון 'כיבוד אב'. מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ האָט דער ראָזוואַדאָווער רב אָנגעקלאַפּט אויף דער טיר פון צאַנזער רב'ס צימער, און ווען די טיר האָט זיך געעפענט, האָט דער ראָזוואַדאָווער רב געזאָגט צום צאַנזער רב, אַז זיין הייליגער טאַטע, דער דזשיקוב'ער רב, וואַרט אויפ'ן אָנקומען פון צאַנזער רב צו דער סעודה לכבוד היום. דער צאַנזער רב האָט איהם אָבער אַריינגערופן צו זיך, און ער האָט פאַרשלאָסן די טיר נאָך זיך, און מ'האָט נישט געהערט אינדרויסן וואָס זיי האָבן געשמועסט. מ'האָט נאָר געהערט טריט פון די צוויי צדיקים, ווי זיי גייען אין צימער אהין און צוריק.

נאָך אַ לענגערע צייט, זענען די צוויי צדיקים אַרויסגעקומען פון צימער, און דאָס פנים פון ראָזוואַדאָווער רב האָט 'געפלאַמט' ווי אַ פלאַם פייער. יאָרן שפּעטער פלעגט דער ראָזוואַדאָווער רב זאָגן, אַז דעמאָלס האָט דער צאַנזער רב איהם אנטפלעקט דעם שורש פונעם גרויסן סוד פון דעם טאָג ל״ג בעומר (געברענגט אין ספר 'דמשק אליעזר', להרה״ג רבי נחום מאיר גערמאַן שליט״א).

**דאָס** איז די כוונה פון דעם וואָס מיר זאָגן: "שכרו הרבה מאד", עס ווענדט זיך אָבער דאָך "על פי פעלו" - וויפיל דער מענטש "לייגט אַריין" אין הייליגן שבת. דער מענטש באַקומט שכר, לויט וויפיל ער האָט "אַריינגעאַרבעט" אינעם שבת. אויב ער לייגט אַריין גרויסע כוחות אין די הכנות צום שבת, איז ער זוכה צו גרויסע השפעות: "על פי פעלו".

**לויט** די פריער דערמאַנטע ווערטער פון זוהר הקדוש, אַז רבי שמעון בן יוחאי ווערט אָנגערופן "שבת", קומט אויס, אַז דאָס זעלבע איז בנוגע דעם טאָג פון ל"ג בעומר, וואָס גרעסער עס איז אונזער הכנה פאַר דעם הייליגן טאָג, אַלץ גרעסער זענען די ישועות וואָס מ'קען אויס'פועל'ן.

### נגילה ונשמחה בו - די גרויסע שמחה אין דעם הייליגן טאָג

**דער** לעכטיגער טאָג ל"ג בעומר, איז אַ צייט פון שמחה, זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, ווי דער חיד"א זי"ע שרייבט ('מורה באצבע', אות רכג) אַז מ'זאָל מרבה זיין בשמחה לכבוד דעם הייליגן תנא רשב"י זי"ע, ווייל עס איז זיין יאָרצייט, און עס איז באַקאַנט אַז ער האָט געוואָלט מ'זאָל זיך פרייען אין דעם טאָג, ווי ס'איז באַקאַנט די מעשה פון מהר"א הלוי זלה"ה[טו], און אַנדערע מעשיות וואָס מיר האָבן געהערט און מ'ווייסט אין נאָמען פון הייליגע צדיקים. עס ווערט געברענג אַ שיינער מנהג, אז מ'האָט זיך געפירט צו לערנען אין דער נאַכט פון ל"ג בעומר מיט צען מענטשן, די שבחים פונעם רשב"י[טז] וואָס ווערן געברענגט אין זוהר און אין אידרא זוטא[יז].

---

**טו.** די מעשה ווערט אַראָפּגעברענגט פון הגה"ק רבי חיים וויטאַל זי"ע ('שער הכוונות, דרוש ו', ענין ל"ג לעומר), אַז הרב ר' אברהם הלוי זצ"ל האָט עדות געזאָגט, אַז ער פלעגט זאָגן יעדן טאָג ביי מנחה 'נחם את אבלי ציון וירושלים' וכו', קלאָגנדיג אויף ירושלים. ער האָט עס אויך געזאָגט ביי מנחה אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, ווען ער איז געווען אויפ'ן ציון פון הייליגן תנא האלקי רשב"י. נאָך דעם ווי ער האָט געענדיגט דאַווענען 'שמונה עשרה', האָט דער אריז"ל איהם געזאָגט: 'איך האָב געזעהן בהקיץ רבי שמעון בן יוחאי שטיין אויף זיין קבר, און ער האָט מיך באַפוילן איך זאָל דיך פרעגן פאַרוואָס פאַרשטערסט איהם זיין גרויסע שמחה און דו זאָגט 'נחם' אין דעם טאָג וואָס איז אַזוי מכובד'יג (עס איז נישט אַדורכגעגאַנגען אַ חודש, און איינער פון זיינע קינדער איז נפטר געוואָרן ל"ע). 'מכלל לאו אתה שומע הן', ווי גרויס ס'איז די שמחה פאַר רשב"י ווען מיר פרייען זיך אין זיין גרויסן טאָג.

און כאָטש די מעשה האָט פאַסירט אין דעם הייליגן אָרט מירון ביים ציון פון רשב"י, אָבער וויבאַלד דער חיד"א זי"ע ברענגט עס אַראָפּ, קען מען פון דעם אַראָפּלערנען אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דייקא נאָר ב'אתריה דמר', אין מירון, נאָר רבי שמעון האָט געוואָלט אַז מ'זאָל איבעראל זיך פרייען מיט זיין שמחה.

**טז.** עס האָט דערציילט דער בעל המעשה: ער איז געווען פאַרזינקען ביז'ן האַלדז מיט גרויסע חובות ל"ע. דריי יאָר צוריק, ל"ג בעומר שנת תשע"ט, ווען ער איז געווען אין מירון און איז אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן וועג צום ציון, האָט ער געטראַכט ביי זיך, אַז עס איז מן הראוי ער זאָל נעמען אויף זיך אַ גוטע קבלה צו לערנען זוהר הקדוש. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ אין דער "מערה", אין דער בחינה פון "תחנונים ידבר רש"", האָט ער גענומען אויף זיך אַ קבלה טובה, צו לערנען אַ גרויסן סכום (720) בלעטער פון זוהר הקדוש (לויט דעם דרוק פון פירוש "מתוק מדבש"), אין לויף פון קומענדיגן יאָר. ער האָט געהאַלטן וואָרט (ער האָט זיך משתדל געווען צו פאַרשטיין די נגלות אין זוהר הקדוש, דעם חלק הנסתר, האָט ער נאָר געזאָגט מיט'ן מויל), און וואונדער איבער וואונדער: ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים לערנען אַ העלפט פון דער בלעטער זוהר הק' וואָס ער האָט גענומען אויף זיך צו לערנען, איז איהם "אַריינגעקומען", "פון דער זייט" אַ גאָר שיינער סכום, וואָס האָט אַנטהאַלטן גענוג געלט צו קענען באַצאָלן אַלע הלוואות וואָס ער האָט געבאָרגט פון גמילות חסדים קאַסעס, און וואָס מער פאָרשריט ער האָט געמאַכט ביים לערנען זוהר, אַזוי האָט ער פאַרדינט מער און מער געלט, ביז דער "לאָך" וואָס ער האָט געהאַט אין באַנק, מיט אַלע הלוואות וואָס ער האָט געבאָרגט, איז "פאַרשטאָפּט" געוואָרן, און ער איז נאָך געבליבן מיט רעשט...

**יז.** הייליגער גאון בעל 'חתם סופר' זי"ע האָט זיך געפירט אין די טעג פון ספירה העומר, פאָרצולערנען אַ שיעור פאַר די תלמידים פון זיין ישיבה אויף מסכת שבועות. יעדן טאָג, האָט ער געלערנט נאָך אַ בלאַט (אין שאלות ותשובות 'חתם סופר', אבן העזר סי' ק', ד"ה 'ותשובות הרשב"א', שרייבט דער 'חתם סופר' בזה הלשון: און יעדעס יאָר ווען איך האָב געלערנט מסכת שבועות מיט די תלמידים, האָב איך געזאָגט די דאָזיגע קשיא...). און וויבאַלד מסכת שבועות האָט 49 בלאַט, האָט מען

זוי ווייט עס דערגרייכט, קען מען לערנען פון די ווערטער פון שאלות ותשובות מהרי"ל (החדשות, סי' קד) אויף אַ שאלה וואָס מ'פרעגט אָן דעם מהרי"ל ז"ל וועגן איינעם וואָס צוליב אַ נדר וואָס ער האָט געמאַכט טאָר ער נישט ארויסגיין אינדרויסן פון זיין הויז, חוץ ביי אַ סעודת מצוה. פרעגט דער שואל, וואָס עס הייסט אַ סעודת מצוה.

**ענטפערט** דער מהרי"ל, פאַר דעם אָנפרעגער, אַז אַוודאי הייסט די סעודה פון ל"ג בעומר אויך אַ סעודת מצוה. ער שרייבט: אַ סעודת מצוה איז ווען מ'מאכט א ברית מילה, אַ פדיון הבן, און אַ סיום מסכתא, און איבראל וואו מ'האָט הנאה פון אַ סעודה וואו עס זיצן תלמידי חכמים, איז גלייך ווי מ'האָט הנאה פון די הייליגע שכינה, ווי חז"ל דרש'ענען וועגן די סעודה וואָס יתרו האָט געמאַכט (ברכות סד.), און וועגן דעם איז ל"ג בעומר אויך אַ סעודת מצוה, עכ"ל. דאָס הייסט, אַז די 'סעודה' איז די סעודה פון רשב"י, וואָס איז גלייך ווי מ'איז נהנה מזיו השכינה.

ס'איז פשוט, און מ'דאַרף עס אַפילו נישט זאָגן, אַז די ווערטער פונעם מהרי"ל ז"ל, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אַלס אַ תשובה להלכה למעשה, זענען נישט געזאָגט געוואָרן דייקא וועגן אַ סעודה וואָס מ'פראַוועט אין הייליגן אָרט אין מירון, נאָר אויך פאַר אַ סעודה וואָס מ'פראַוועט אין חוץ לארץ[יח].

### עת רצון היום לנו - די שפע פונעם טאָג ל"ג בעומר

**עס** איז באַקאַנט פון אונזערע הייליגע רבי'ס לדורותיהם, אַז דער טאָג ל"ג בעומר איז מסוגל אויף אַלע סאָרטן ישועות. "לכל ישראל האיר", פאַר יעדן איינעם לויט זיין מצב, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות[יט]. ספּעציעל אין די דריי ענינים, "בני, חיי, מזוני".

"חיי" - דער מונקאַטשער רב הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זי"ע, שרייבט אין ספר "שער יששכר" (אייר, מאמר גל עיני, אות י') אַז די צאָל פון די דריי ווערטער "שמעון בן יוחאי" באַטרעפט 553, גענוי אַזוי ווי די ווערטער "מחיה מתים"[כ].

---

געמאַכט אַ סיום אויף די מסכתא אין יום טוב שבועות [עס זענען דאָ וואָס לערנען מסכת סוטה, וואָס האָט אויך 49 בלאַט]. דער 33סטען טאָג פון ספירה האָט ער געלערנט דף ל"ד [ווייל יעדע מסכתא הייבט זיך דאָך אָן ביי דף ב', ווי באַקאַנט], און ווען ער איז אָנגעקומען צו די ווערטער פון דער גמרא אויף עמוד ב', 'רבי שמעון אומר... מחכו עלה במערבא' (וואָס מיינט, אַז אין ארץ ישראל האָט מען אָפּגעלאַכט דערפון), האָט ער עס ערקלערט בדרך רמז, אַז אין 'מערבא' - אין ארץ ישראל. 'מחכו', פרייט מען זיך ('מחכו' איז פון לשון שמחה) מיט די ווערטער פון רבי שמעון, מרמז צו זיין אויף די שמחה אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, וואָס אין ארץ ישראל פרייט מען זיך זייער שטאַרק אין דעם טאָג, צוליב די הילולא פון הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי (געברענגט אין ספר 'בני שלשים', 'ווילקט יוסף', אות קפב).

**יח.** עס ווערט געברענגט (ספר "בקודש פנימה" להרה"ח ר' יצחק לאנדוי ע"ה משב"ק הרה"ק מהר"א מבעלזא זי"ע, ח"ב, ע' שסג) אַז דער בעלזער רב זי"ע פלעגט בעטן די מענטשן וואָס זענען אַריינגעקומען זיך געזעגענען איידער זיי פאָרן קיין מירון, אַז מ'זאָל איהם מזכיר זיין ביים ציון צום גוטן. איינמאָל האָט ער אָבער געזאָגט צו אַ יונגערמאַן וואָס איז נישט געפאָרן קיין מירון (צוליב פערזענליכע סיבות), "רבי שמעון'ס קדושה איז אומעטום".
פון דעם לערנען מיר, אַז "בשעת הדחק", ווען ס'איז נישט מעגליך צו פאָרן צו רבי שמעון, דאַרף מען אָבער גלייבן אין דער קדושה פון רבי שמעון, און בעטן אויך פון די ווייטסטע ערטער, געהאָלפן צו ווערן אין זיין זכות.

**יט.** איבער דעם ענין פון טרעפן זיווגים, איז באַקאַנט וואָס הרה"ק בעל "אבני נזר" זי"ע האָט געזאָגט, אַז ל"ג בעומר איז מסוגל צו געפינען אַ זיווג, ווייל מיר זאָגן אין פיוט "הציל הלחוצים", און ווער איז דען אַ גרעסערער "לחוץ" ווי אַ בחור וואָס וואַרט אויף זיין זיווג...

**כ.** הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל דערציילט (אין ספר "הילולא דרשב"י"), אַ מעשה וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט אין מירון, ל"ג בעומר פון יאָר תרפ"ג. שרייבט ער, "בעיני ראיתי", אַ דריי-יעריג קינד וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט זיין מאמע קיין מירון פאַר אַ "חאַלאַקע" (זיי האָבן יאָרן נישט געהאַט קינדער, און זיי האָבן צוגעזאָגט אַז אויב זיי וועלן געהאָלפן ווערן, וועלן זיי ברענגען זייער קינד צו רבי שמעון צו מאַכן דאָרט דעם "חאַלאַקע", און זיי זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן צום יאָר). יענעם יאָר, איז ל"ג בעומר אויסגעפאַלן פרייטאָג, און רוב פונעם עולם איז געבליבן אויף שבת אין מירון ביי רבי שמעון.
אינמיטן תפילת מוסף, האָט מען געהערט אַ טומל פון איינעם פון די קליינע צימערן וואָס געפינען זיך העכער דעם ציון, אַז דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן מיט אַ שרעקליכע קרענק רח"ל און ער איז שוין געוועזן "ירוק ומת"

**עס** שטייט אין ספר ״אורה ושמחה״ פון הרה״ק רבי אברהם שמחה מבארנוב זי״ע (דף כ. מובא בספר ״הילולא דרשב״י״), אַז די ווערטער ״שמעון בר יוחאי״, באַטרעפן 703, אַזוי ווי דאָס וואָרט ״ורפאתיו״.

**נאָך** מער: הרה״ק רבי פנחס׳ל קאָריצער זי״ע זאָגט (״אמרי פנחס״ השלם, אות רלא) אַז ל״ג בעומר איז גאָר שטאַרק מסוגל מעורר צו זיין אַ רפואה, און דער וואָס דאַרף נעמען אַ רפואה זאָל אָנהייבן נעמען די רפואה אין ל״ג בעומר, ווייל ״בורא רפואות״ איז מכוון אַנטקעגן די מדה פון ״הוד״, און אויב אַזוי, איז דער טאָג פון ל״ג בעומר - די ספירה פון ״הוד שבהוד״ - מסוגל אָנצוקומען צום תכלית פון רפואה.

״**בני**״ - אויך איז ל״ג בעומר מסוגל געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, ווי דער מונקאַטשער רב, הרה״ק בעל ״מנחת אלעזר״ זי״ע ברענגט (״שער יששכר״, אייר, מאמר ״גל עיני״, אות כב) אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה״ק בעל ״שם שלמה״ זי״ע פון מונקאַטש, אַז דער וואָס וויל געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא, זאָל בעטן

---

- גרין און טויט - רח״ל. שרייבט ער, דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויסלויפן פון די מערה, מורא האָבענדיג אַז די מחלה זאָל זיך נישט אָנקלעבן ח״ו. די פּאָליציי (פון צפת) האָט פאַרשלאָסן דעם טויער, אַז קיינער זאָל נישט אַריינקומען און אַרויסגיין, כדי די מחלה זאָל זיך נישט פאַרשפּרייטן אינדרויסן ח״ו, אָבער אַ סאַך מענטשן האָבן באַוויזן אַרויסצולויפן פון די מערה.

שבת פאַר מוסף, האָט די מוטער פון קינד - וואָס ער איז געווען אַן אויסגעבעטן קינד - זיך אַוועקגעשטעלט ביים ציון פונעם הייליגן תנא אַרויסגעטריבן יעדן פון די מערה, זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס קינד, און אויסגעשריגן:

- רבי שמעון! רבי שמעון! מיט וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך צוריקקומען אַהיים צו מיין מאַן? איך האָב צוגעזאָגט אַז איך וועל מאַכן אַ ״חאַלאַקע״ אין מירון, און איך האָב איהם טאַקע אַהער געברענגט! בעט איך דיר, פאַרשטער מיר נישט די שמחה און די שמחה פון מיין מאַן, וועלכער זיצט און וואַרט אַז מיר זאָלן צוריקקומען אַהיים צוזאַמען געזונטערהייט פון דיין הייליגן ציון:

דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט פון איר אָרט, און אויסגערופן הויך:

- צדיק, צדיק! איך לאָז איבער דאָ ביי דיר מיין קינד, אַזוי ווי ער איז. איך בעט דיך, דו זאָלסט מיך נישט פאַרשעמען, און דו זאָלסט איהם אומקערן צו מיר געזונט און פריש, אַזוי ווי איך האָב נעכטן געברענגט אַהער... עס וועט זיין אַ קידוש השם אויף דער וועלט, און אַלע וועלן וויסן אַז עס איז דאָ אַ באַשעפער וואָס האָט זיינע צדיקים אויף דער וועלט!...

אַלס אַ סגולה, האָט מען פאַרשפּאַרט די טיר, און נאָר דאָס קינד איז דאָרט געבליבן. שרייבט רבי אשר זעליג ווייטער, אַז דאָס קינד האָט פלוצלינג אָנגעהויבן שרייען, ׳מאַמע, איך וויל טרינקען וואַסער!׳. ער שילדערט וואָס עס האָט זיך שפּעטער אָפּגעטוהן ביי די מערה, ווי עס האָט אויסגעזעהן די תפלת מוסף יענעם שבת. די ענגלישע דאָקטוירים האָבן שפּעטער אונטערזוכט דאָס קינד, און געמוזט מודה זיין, אַז ער איז געזונט געוואָרן שלא כדרך הטבע, און זיי האָבן צוריק געלאָזט אויפעפענען די טויערן פון דעם ציון הקדוש. ער פירט אויס: דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפגעשטעלט, און געמאַכט די ברכה ״מחיה המתים״...

רבי אשר זעליג אַליין האָט דערציילט וועגן זיך זעלבסט, אַז ער האָט אַמאָל געליטן גרויסע ווייטאָגן אין האַלדז, און די דאָקטוירים האָבן איהם געראָטן דורכצוגיין אַן אָפּעראַציע אויפ׳ן האַלדז. ער האָט אָבער געהאַט גרויסע חששות דערוועגן, און ער איז געפאָהרן קיין מירון און אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים ביים הייליגן ציון הרשב״י. אינמיטן זאָגן תהלים, האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער הוסט, און ער האָט אויסגעשפּיגן בלוט. צוזאַמען מיט׳ן בלוט, האָט ער אויך אויסגעשפּיגן די גאַנצע ״אייטער״ וואָס ער האָט געהאַט אין האַנדז, און ער האָט זיך מער נישט גענויטיגט אין אַן אָפּעראַציע.

ס׳איז אויסער יעדן ספק, אַז אויב אַ מענטש שטעלט זיך אַוועק ביים הייליגן ציון און שרייט אויס אַ תפילה, און ער הערט נישט אויף צו בעטן און מתפלל זיין, אַזוי ווי יענע דערבאַרימדיגער מאמע וואָס האָט אַזוי געשריגן און געבעטן רחמים פאַר איר זון׳ס לעבן, וועט ער אויס׳פועל׳ן אַלעס וואָס ער בעט, אפילו אויב רבי שמעון וועט דאַרפן פועל׳ן ביי באַשעפער איבערצודרייען פאַר איהם אַלע מערכות הטבע. מ׳דאַרף נאָר בעטן אַזוי ווי יענע מאַמע וואָס האָט געבעהטן אַז איר קינד זאָל אויפשטיין צום לעבן...

דערפאַר ביי די ברכה פון "רפאנו", ווייל דער ענין פון קינדער איז נכלל אין "רפואה", און אין דעם טאָג ווען עס איז די בחינה פון "הוד שבהוד", איז מסוגל צו רפואה, ווייל "בורא רפואות" איז אַנטקעגן די מדה פון "הוד" (ווי געזאָגט אויבן), און "הוד שבהוד" איז אַ "רפואה בתכלית השלימות". קומט אויס אַז ל"ג בעומר איז מסוגל צו פקידת עקרות.

**דער** מדרש (שהש"ר פ"א) דערציילט, רבי אידי האָט געזאָגט, אין דער שטאָט צידון האָט געוואוינט אַ פּאַרפּאָלק וועלכע האָבן צען יאָר נאָך די חתונה נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא. זענען זיי געקומען צו רבי שמעון בר יוחאי און איהם געזאָגט אַז זיי ווילן זיך גט'ן. האָט רבי שמעון זיי געזאָגט: "חייכם" - איך שווער ביי אייער לעבן, אַז פּונקט ווי איר האָט חתונה געהאַט ביי אַ סעודה וואו מ'האָט געגעסן און געטרינקען, אַזוי דאַרפן ענק זיך גט'ן מיט אַ סעודה.

זיי האָבן אַזוי געטוהן. זיי האָבן געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה, און ביי די סעודה, האָט די פרוי געגעבן פאַר איר מאַן וויין צו טרינקען, ביז ער איז געוואָרן שיכור. ווען ער איז געקומען אַביסל צו זיך, האָט ער איר געזאָגט: "מיין טייערע אשת חיל, פון סיי וועלכן גוטן חפץ וואָס איך האָב אין הויז, קענסטו נעמען און גיי צו דיין פאָטער'ס הויז".

**וואָס** האָט די פרוי געטוהן? נאָך דעם ווי ער איז איינגעשלאָפן, האָט זי מרמז געווען פאַר אירע קנעכט, זיי זאָלן איהם טראָגן אויף זיין בעט און פירן צו איר פאָטער'ס הויז. אינמיטן נאַכט, ווען דער מאַן האט זיך אויפגעוועקט פון זיין טיפן שלאָף, האָט ער געפרעגט זיין פרוי: "וואו בין איך יעצט?". האָט זי געענטפערט: "ביי מיין טאטע אין הויז". אויף זיין פראַגע וואָס ער טוט דאָ, און ווער האָט איהם דאָ אַהער געברענגט, האָט זי געענטפערט: "צו האָסטו מיר דען נישט געזאָגט נעכטן ביינאַכט, אַז יעדן גוטן חפץ וואָס איך האָב אינדערהיים, זאָל איך נעמען און פירן צו מיין טאַטעס הויז. אַזוי האָב איך טאַקע געטוהן, איך האָב דיך גענומען צו מיין טאַטן אַהיים, ווייל איך האָב נישט אַ בעסערע און טייערערע זאַך ווי דו...".

**שפּעטער**, זענען זיי צוריקגעקומען צו רבי שמעון בר יוחאי, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מתפלל זיין פאַר זיי, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן מיט אַ קינד.

**פירט** אויס דער מדרש: "ללמדך" - דיך צו לערנען, אַז פונקט ווי דער אויבערשטער איז "פוקד עקרות", ער העלפן קינדערלאָזע פרויען, אַזוי זענען די צדיקים פוקד עקרות. איז דאָך אַ קל וחומר, מה דאָך אויב אַ בשר ודם האָט געזאָגט צו אַ צווייטן בשר ודם אַזוי ווי איהם, אַז איך האָב נישט אַ בעסערן חפץ אויף דער וועלט פון דיר, און זיי זענען געהאָלפן געוואָרן, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז אידישע קינדער, וואָס וואַרטן אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען יעדן טאָג, און זיי זאָגן: "מיר האָבן נישט אויף דער וועלט אַ בעסערן חפץ פון דיר", איז דאָך אַוודאי אַז זיי דאַרפן געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועת עולמים, אמן.

**עס** שטייט אין ספר "שער יששכר" (אייר, מאמר "גל עיני", אות ה') אויף די ווערטער פון רבא (מכות יז:) "דילידא אימיה כרבי שמעון תלד, ואי לא, לא תלד", ווען עס ווערט געבוירן אַ קינד ביי אַ מאַמע, זאָל זי געבוירן אַ קינד אַזוי ווי רבי שמעון, און אויב נישט, זאָל זי נישט געבוירן". זאָגט רש"י (ד"ה "דילידא") אַז ווען די מאַמע געבוירט דאָס קינד, זאָל זי בעטן רחמים "יהי רצון שיהא כרבי שמעון", - אַז מיין זון זאָל זיין אַזוי ווי רבי שמעון.

**פרעגט** דער "שער יששכר", אַז בפשטות איז זייער שווער די ווערטער פון רבא: קען דען יעדער מענטש בעטן אַז זיין זון זאָל אויסוואַקסן אַזוי גרויס ווי דער הייליגער תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי?!

**ענטפערט** דער "שער יששכר", אַז דער טאָג פון די הילולא פון רבי שמעון, ל"ג בעומר, איז טאַקע אַזוי גרויס, אויף אַזוי ווייט, אַז מיר זענען אימשטאַנד צו בעטן און מתפלל זיין אויף קינדער אַזוי ווי רבי שמעון בר יוחאי, ווייל אין דעם טאָג פון זיין הילולא, ווערט אָנגענומען אין הימל יעדע תפילה וואָס מ'איז מתפלל צום באַשעפער.

**קען** מען צולייגן, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא ביי אַ יולדת, נאָר יעדער איינער פון אונז קען פועל'ן אין דעם טאָג, סיי פאַר זיך, און סיי פאַר זיינע זון און טעכטער, אַז מ'זאָל זיין "כרבי שמעון", ווען מ'איז מרבה בתפילה ובתחנונים אַז מ'זאָל זוכה זיין נתעלה צו ווערן אין תורה און יראה טהורה, און

ממילא, וועט יעדער זוכה זיין צו שעפּן נחת דקדושה פון די קינדער און אייניקלעך.

"מזוני" - דער "חתם סופר" זי״ע שרייבט אין אַ תשובה (יו״ד סי׳ רל״ג) אויף די ווערטער פון מדרש, אַז ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך אַ שטיקל מצה, און פון דעם האָבן זיי געהאַט צו עסן פאַר דרייסיג טעג. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען אין מדבר 3 טעג אָן ברויט. אויפ'ן דריטן טאָג, י״ח אייר ל״ג בעומר האָט דער אויבערשטער אָנגעהויבן אַראָפּרעגענען ברויט פון הימל (דעם מן). דער "חתם סופר" פירט אויס: "וראוי לעשות לזה זכר טוב".

**אויב** אַזוי, איז דאָך ל״ג בעומר מסוגל אויך משפיע צו זיין פּרנסה, ווייל אין דעם טאָג האָט דער אויבערשטער אַראָפּגעשיקט פאַר די אידן, דעם מן פון הימל[כא].

**ל״ג** בעומר, איז אויך מסוגל מתפלל צו זיין אויף די גאולה שלימה בב״א[כב], ווי הרה״ק בעל "צבי לצדיק" מבלאָזשוב זי״ע האָט אַמאָל געזאָגט ל״ג בעומר, "איך קען נישט זאָגן ווען עס וועט זיין, אָבער עס דאַכט זיך מיר אַז ווען עס וועט זיין, וועט עס זיין ל״ג בעומר" (מובא בס׳ "שיח זקנים", ח״ב ע׳ רמז).

### כי קדוש היום לאדונינו - דער טאָג איז הייליג איבעראל

**דער** טאָג פון ל״ג בעומר איז מסוגל אויף טהרת הנפש און מחילת עוונות, ווייל עס האָט אַ קדושה ענליך צו יום כיפור, ווי הרה״ק רבי יהושע'לע קאַמינקער זי״ע האָט געזאָגט צום שינאָווער רב זי״ע, אַז דער ענין פון יום כיפור איז געווען, וואָס אהרן הכהן, וואָס ער איז געווען בחינת "הוד", איז אַריינגעגאַנגען אין קדשי קדשים, וואָס אויך דער קדשי קדשים איז אין דער בחינה פון "הוד". דאָס זעלבע אין ל״ג בעומר, וואָס איז די ספירה פון "הוד שבהוד", ווערט נתעורר די זעלבע בחינה וואָס דער כהן גדול האָט אויפגעטוהן אין קדשי קדשים אין דעם הייליגן טאָג יום כיפור[כג], און ממילא, קען מען

**כא.** עס שטייט אין ספר "מאורן של ישראל" (י״ד שבט, אות ב׳) אַז הרה״ק בעל "ישמח ישראל" זי״ע האָט געזאָגט, אַז דער טאָג ווען דער צדיק ווערט נסתלק, ווערט גערופן "הילולא", ווייל דער טאָג איז פאַר דעם צדיק ווי אַ "חתונה". פּונקט ווי ביי אַ חתונה לייענט מען די כתובה פאַר'ן חתן, כדי איהם צו דערמאנען זיינע התחייבות'ן פאַר די כלה, אַזוי אין די יומא דהילולא פונעם צדיק, דערמאנט מען איהם זיינע התחייבות'ן כלפי די מענטשן וועלכע האָבן זיך מסתופף געווען בצילו, עכ״ל.

לויט דעם קען מען זאָגן, אַז ל״ג בעומר, דער טאָג פון די הילולא קדישא פון תנא האלקי רשב״י, איז ער ווי אַ "חתן" וואָס קומט אַרויס פון די חופּה, מיט אַ "שטר כתובה", און טיילט גוטע השפעות פאַר אַלע וואָס באַטייליגן זיך אין זיין גרויסע שמחה, סיי פון דער נאָענט, סיי פונדערווייטנס. אין דער "כתובה" פון רבי שמעון שטייט די ווערטער: "ואנא אפלח ואיזון ואפרנס יתיכי ליכי", און איך וועל דיך שפּייזן און פּיטערן מיט אַלע גוטע השפּעות. איז ער דאָך זיך אַליין מתחייב משפיע צו זיין אויף אונז בני, חיי ומזוני, און אַלע אַנדערע באַדערפעניש, מיט אַ גרויסע הרחבה.

**כב.** ווען דער הייליגער "בת עין" זי״ע, האָט זיך געזעגנט מיט הרה״ק רבי מרדכי'לע טשערנאָבילער זי״ע (יארצייט, כ׳ אייר), איידער ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, האָט רבי מאָטעלע טשערנאָבילער איהם געזאָגט, ער זאָל זיך "אויסוויינען די אויגן פאַר רבי שמעון". דאָס מיינט, ער זאָל מתפלל זיין ביי רבי שמעון, צוצואיילן די גאולה שלימה.

דערנאָך האָט רבי מאָטעלע טשערנאָבילער געזאָגט:

- "אויב איך וואָלט געגאַנגען קיין ארץ ישראל, וואָלט איך אַרויפגעגאַנגען צו די מערה, און כ'וואָלט אַזוי לאַנג מתפלל געווען ביז אידישע קינדער וועלן געהאָלפן ווערן מיט די גאולה שלימה", אמן.

**כג.** עס ווערט דערציילט ("דובר שלום", להג״ר אברהם חיים שמחה בונם מיכלזאהן זצ״ל) אַז אַמאָל ל״ג בעומר ביים טיש, האָט הרה״ק מהר״ש מבעלזא זי״ע געזאָגט אַ כוונה אין די ווערטער פון חז״ל (ב״ק ט:) "הידור מצוה עד שליש", מ'דאַרף אויסגעבן פאַר אַ "הידור מצוה" ביז אַ דריטל פונעם סכום וואָס עס קאָסט דער קיום פון די מצוה. האָט דער "שר שלום" זי״ע געפרעגט, דער אויבערשטער איז דאָך מקיים די גאַנצע תורה (ברכות ו. "מנין שהקדוש ברוך הוא מניח תפילין" וכו׳), אויב אַזוי, וואָס איז שייך ביי דעם אויבערשטען, אַז ער גיט פאַר "הידור מצוה" ביז אַ דריטל?

ל"ג בעומר פועל'ן ישועות, אַזוי ווי יום כיפור ("אוהב שלום", ח"ב)[כד].

**דער** טאָג אַליין איז גרויס און הייליג, און אויך איינער וואָס קען נישט זיין אַליין אין מירון, האָט ער דעם כח צו פועל'ן איבעראל וואו ער געפינט זיך, ווייל דער טאָג איז גרויס אַז מ'נעמט אָן אין הימל די תפילות אין זכות פון רבי שמעון בר יוחאי, ווי רשב"י אַליין האָט געזאָגט "יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין[כה]"

---

האָט דער בעלזער רב געענטפערט, ווייל די חז"ל זאָגן (סוכה נב:) "יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו ואלמלי הקדוש ברוך הוא עוזרו אינו יכול לו", דער יצר הרע שטאַרקט זיך אויפ'ן מענטש יעדן טאָג, און ער וויל איהם הרג'ענען ח"ו, און ווען נישט דאָס וואָס דער אויבערשטער העלפט איהם, וואָלט ער איהם נישט געקענט בייקומען. אין די מצוה (פון העלפן דעם מענטש באַזיגן זיין יצר הרע) איז דער אויבערשטער מהדר "עד שליש" - ביז אַ דריטל - דאָס הייסט, אַז נאָך דעם ווי דער מענטש האָט מלחמה געהאַלטן מיט זיין יצר הרע, און ער האָט געטוהן "צוויי דריטל" פון דער אַרבעט, טוט דער אויבערשטער פאַר איהם דעם "דריטן דריטל", דורך העלפן איהם באַזיגן זיין יצר הרע.

און דער בעלזער רב האָט אויסגעפירט, די טעג פון ספירה, זענען 49 טעג וואס אידן רייניגן זיך פאַר דעם אויבערשטען. קומט אויס, אַז אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, זענען שוין אַדורכגעגאַנגען צוויי-דריטל פון די ספירה-טעג. ביז ל"ג בעומר, באַמיען זיך אידן צו רייניגן זיך פון יעדן פגם, אָבער פון דעם טאָג און ווייטער, מאַכט דער אויבערשטער דעם "הידור מצוה", און ער העלפט אידישע קינדער צו רייניגן זיך פון טומאה, ווי דער פסוק זאָגט (יחזקאל לו, כה) "וזרקתי עליכם מים טהורים", און דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון די אידן, אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר.

ווען דער בעלזער רב האָט געזאָגט דער וואָרט, ל"ג בעומר ביים "טיש", איז ער געזעסן אַזוי "פאַרפלאַמט" במשך פון דריי-פערטל שעה, און בשעת מעשה זענען דאָרט געזעסן דער צאַנזער רב, הרה"ק בעל "דברי חיים" זי"ע, און זיין ידיד נאמן, הרה"ק רבי שלום קאַמינקער זי"ע. דער צאַנזער רב איז במשך פון די צייט וואָס דער בעלזער רב איז געזעסן מיט התלהבות פאַרטראַכט אין זיינע הייליגע רעיונות, געוען אָנגעלעהנט אויפ'ן טיש, מיט זיינע צוויי הענט אויפ'ן שטערן, און ביים קאַמינקער רב, האָבן געריננען טרערן פון זיינע הייליגע אויגן "כשטף מים רבים" - ווי אַ "פאַרפלייצונג פון וואַסער" (אַזוי שרייבט דאָרט דער "דובר שלום").

עס ווערט געברענגט אין ספר "הילולא דרשב"י" (אַזוי אויך אין ספר "י"ג אורות", ח"ב) אַז אַמאָל האָט דער "שר שלום" זי"ע גערעדט וועגן די גרויסקייט פון ל"ג בעומר, האָט זיין זון, הרה"ק רבי זונדל זי"ע, זיך אָנגערופן און געזאָגט, אַז ל"ג בעומר איז אַזוי גרויס ווי יום כיפור. האָט דער בעלזער רב געזאָגט: "האָסט צוגעטראָפן".

הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט געזאָגט בדרך צחות, אַז אין ל"ג בעומר, זענען אַריינגערעכנט אַלע דריי ימים טובים. דער מנהג צו שחט'ן די שעפסן (וואָס איז געווען איינגעפירט ביי אַ סאַך ספרדי'שע אידן) נעבן די מערה, איז אַנטקעגן דעם יום טוב פסח. די בערג וואָס זענען דאָ אַרום דעם "ציון" פון רשב"י אין מירון, זענען מרמז אויף דעם יום טוב שבועות, ווייל די תורה איז דאָך געגעבן געוואָרן שבועות אויפ'ן באַרג סיני, און די געצעלטן וואָס די אידן וואָס קומען קיין מירון ל"ג בעומר, שטעלן דאָרט אויף, זענען אַ בחינה פון "דירת עראי", וואָס איז מרמז אויף יום טוב סוכות, "דירת ערעי".

האָט אַ חשוב'ער איד צוגעלייגט צו די ווערטער פון הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע, עס איז באַקאַנט אַז דער הייליגער רוזינער זי"ע האָט אַמאָל געפרעגט איינע פון זיינע חסידים, אַ איד פון ארץ ישראל, ווי אַזוי עס זעהט אויס די הילולא אין מירון ל"ג בעומר, און דער חסיד האָט געשילדערט פאַר'ן רבי'ן, אַז אינעווייניג אין די מערה, איז אַ בחינה פון יום כיפור, און אינדרויסן פון די מערה, איז אַ בחינה פון שמחת תורה... און דער הייליגער רוזינער האָט זייער באַוואונדערט זיין ענטפער. לויט דעם קומט אויס, אַז ל"ג בעומר האָט אויך די בחינה פון נאָך צוויי ימים טובים - יום כיפור און שמחת תורה...

**כד.** עס שטייט אין "דרשות חתם סופר", ח"ב, רפ., אַז אין דעם טאָג ל"ג בעומר, איז דער אויבערשטער אין דער בחינה פון "זקן מלא רחמים", ווייל דעמאָלטס ווערט נתעורר די בחינה פון "רצון העליון", בחינת יום כיפור.

**כה.** דער גאון רבי משה לייב שחור ז"ל, פון די גאונים פון ירושלים של מעלה, האָט געטייטשט די ווערטער פון רבי שמעון בן יוחאי אַז ער קען פטר'ן די גאַנצע וועלט פון מדת הדין, מיט אַ מעשה וואָס איז פאַרגעקומען

- אויך עמיצער וואָס געפינט זיך נישט ביי איהם, ממילא איז איבעראל וואו עס געפינט זיך אַ איד, קען ער פועל'ן אין זכות פון רשב"י.

**אויך** זאָגן חז"ל (פסחים נא:) "כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בפניו ושלא בפניו"[כו], רבי שמעון איז ווערד מ'זאָל זיך פאַרלאָזן אויף איהם, סיי ווען

---

אין דער שטאָט קעניגסבערג, דייטשלאַנד. וואו עס האָט אַמאָל אויסגעבראָכן אַ מגיפה רח"ל. אין שטאָט האָט געוואוינט אַ גרויסער דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך אַוועקגעגעבן טאָג און נאַכט צו היילן די קראַנקע פון שטאָט. ער האָט כמעט נישט צוגעמאַכט אַן אויג פון די גרויסע טירדות צו היילן מענטשן, ביז די מגיפה האָט צום סוף זיך אָפּגעשטעלט און אַלע קראַנקע זענען ב"ה געוואָרן געזונט. וועלנדיג אָפּרוהען זיך אַביסל פון די שווערע אַרבעט, איז דער פּראָפעסאָר אַריבערגעפאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט, און האָט אָנגעזאָגט פאַר זיין אָרטיגן בעל אכסניא, ער זאָל קיינעם נישט דערציילן אַז דאָ געפינט זיך אַ דאָקטאָר, ווייל ער וויל זיך אָפּרוהען אָן קיין טירדות. עטליכע טעג שפּעטער האָט אָבער אויסגעבראָכן אַ מגיפה רח"ל אויך אין דער אַנדערער שטאָט, אָבער דער בעל אכסניא פונעם דאָקטאָר האָט געהאַלטן וואָרט, און האָט קיינעם נישט דערציילט אַז ביי איהם אין הויז געפינט זיך אַ גרויסער פּראָפעסאָר וואָס קען היילן מענטשן פון די קראַנקהייט, און עס זענען געפאַלן אַסאַך קרבנות רח"ל. פאַרשטייט דאָך יעדער בר דעת, אַז יענער דאָקטאָר האָט נישט ריכטיג געטוהן, ווייל ער האָט דאָך געקענט ראַטעווען אַזוי פיל לעבנס, וויסנדיג וועגן זיין גרויסן כח צו ברענגען אַ היילונג, האָט ער נישט געטאָרט זיך באַהאַלטן...

דאָס האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט: וויסן זאָלט איר, 'יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין', איך בין בכוח אייך צו העלפן בכל צרה שלא תבוא, און אָט דאָס איז געווען דער גאַנצער צוועק פון אויסרופן אַז 'יכול אני' וכו', כדי מענטשן זאָלן וויסן, נישט צו ווערן געפאַלן ביי זיך אין צייט פון אַ צרה ל"ע, ווייל ער איז בכוח צו פטר'ן די גאַנצע וועלט פון אַלע צרות און פּראָבלעמען. איר דאַרפט זיך נאָר ווענדן צו מיר, וועט איר געהאָלפן ווערן...

ענליכע ווערטער, שרייבט הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל (מידות רשב"י, מהדורא חדשה, ע' כט) אַ טעם פאַרוואָס נאָר ביי רבי שמעון בן יוחאי געפינען מיר אַז ער האָט געזאָגט 'שנו מידותי' - איר זאָלט לערנען מיינע מידות, און רש"י טייטשט דאָרט, 'למדו תורתי' - איר זאָלט לערנען מיין תורה - אַ לשון וואָס מיר געפינט נישט ביי די אַנדערע הייליגע תנאים. דאָס איז דערפאַר, ווייל רבי שמעון בר יוחאי וויל העלפן און באַשיצן אַלע וואָס שיצן זיך אונטער זיינע פליגל, און העלפן אידישע קינדער עד סוף כל הדורות. וועגן דעם האָט ער געזאָגט 'שנו מידותי', ווייל אַזוי וועל איך קענען ממליץ-טוב זיין פאַר אייך און אייך באַשיצן מכל צרה שלא תבוא.

**כו.** מיר האָבן ענהאלטן אַ בריוו, וואו דער בעל העובדא דערציילט אונז אַ וואונדערליכע מעשה, פון וועלכער מ'קען פאַרשטיין ווי ווייט רבי שמעון איז באמת כדאי צו פאַרלאָזן זיך אויף איהם אויך "שלא בפניו" -פון דער ווייטנס. דער איד שרייבט צו אונז ווי פאָלגענד:

ל"ג בעומר תשע"ט, האָב איך נישט זוכה געווען צו פאָרן קיין מירון צו די הילולא דרבי שמעון, צוליב דעם וואָס איינער פון מיינע משפחה איז געווען נישט געזונט ל"ע, און כ'בין געווען זייער צובראָכן דערפון וואָס איך קען נישט פאָרן. איך בין געשטאַנען נעבן דעם פענצטער פון הויז, און מיט טרערן אין די אויגן האָב איך געזינגען 'בר יוחאי', צוזאַמען מיט אַלע אידן איבער דער וועלט.

דעם קומענדיגן שבת, וואָס איז געווען אין די דריי טעג נאָך ל"ג בעומר, האָב איך געליינענט אין דעם גליון 'באר הפרשה', עטליכע מורא'דיגע געשיכטעס וועגן די גרויסקייט פון רבי שמעון, און די געהויבענע הילולא, און אַז מ'קען פועל'ן ישועות אויך פונדערווייטנס. האָב איך גענומען אין האַנט דעם ספר תהלים, און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין צווייטן צימער אין שול, און אויסגעזאָגט מיט בכיות דעם פערטן און פינפטן ספר פון תהלים, און איך האָב געבעטן דעם אויבערשטען אַז דער כוח פון רבי שמעון זאָל פאַר מיר פועל'ן פונדערווייטנס, און איך האָב אין זינען געהאַט ווי איך שטיי יעצט און כ'בין זיך משתטח אויף זיין הייליגן ציון, און כ'וועל אַוודאי פועל'ן אַ גרויסע ישועה.

דעם מאָרגנדיגן טאָג, זונטאָג, האָב איך זיך געוואָנדן צו אַן עסקן אין עניני רפואה, און איך האָב פאַר איהם געשילדערט די צרה וואָס איך האָב אינדערהיים, און אַז מיר האָבן זיך שוין געוואָנדן צו דאָקטוירים פון דער גאַנצער וועלט, אָבער מיר האָבן ליידער נישט געפונען קיין רפואה פאַר די שווערע מחלה רח"ל. שמועסנדיג מיט מיר, איז איינגעפאַלן פאַר דעם עסקן אַ געדאַנק אין קאָפּ, צו זיך ווענדן צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר אויף דעם געביט, אפשר

מ'שטייט ביי איהם, סיי ווען מ'געפינט זיך נישט נעבן איהם. אַ סאַך צדיקים קדושי עליון האָבן במשך אַלע יאָרן אין גלות גע'פועל'ט גרויסע ישועות אין דעם הייליגן טאָג ל"ג בעומר, אויך אויב זיי זענען געווען ווייט ת"ק פרסאות פון דעם הייליגן אָרט אין מירון[כז].

**ספּעציעל** אויב מ'לערנט די מאמרים פון הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי אין ש"ס, אָדער אין זוהר הקדוש, ווייל אויך דאָס ווערט גערעכנט ווי אַ "השתטחות" אויפ'ן ציון, ווי דער הייליגער טשערנאָבילער מגיד שרייבט ("מאור עינים", "ישמח לב", מס' שבת), אַז אויב

---

וועט קומען פון דאָרטן די ישועה, כאָטש מיר האָבן זיך שוין געוואָנדן צו אַלע גרעסטע פּראָפעסאָרן און זיי האָבן נישט געפונען אַ רפואה.

כך הוה, ביז אַ וואָך בין איך געזעסן ביי יענעם פּראָפעסאָר אין צימער, און ברוך השם, מ'האָט געטראָפן אַ וועג צו היילן די קראַנקהייט. ס'איז אונז געווען קלאָר, אַז באַלד נאָך ל"ג בעומר, ווען מיר האָבן זיך אַזוי אויסגעוויינט פאַר אַ ישועה, האָבן מיר טאַקע זוכה געווען צו זעהן די ישועה עין בעין, בזכותיה דרשב"י.

עס זענען באַקאַנט מערערע געשיכטעס, ווי מענטשן דערציילן אַז דער כוח פון רשב"י איז "למעלה מן המקום", ער איז ממליץ טוב פאַר אונז אין דער גאַנצער וועלט.

עס האָט מיר דערציילט הגה"ח רבי מאיר יהודה העלד שליט"א, אַז זיינס אַ באַקאַנטער, וועלכער וואוינט אין קרית יואל, האָט באַשלאָסן צו טוהן די באַקאַנטע סגולה וואָס אַסאַך זענען שוין געהאָלפן געוואָרן דערמיט, און ער האָט געמאַכט אַ צוזאָג, אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם העלפן אין זכות פון רבי שמעון בר יוחאי, און עס וועט ביי איהם געבוירן ווערן אַ בן זכר בקרוב, וועט ער איהם אָנרופן מיט'ן נאָמען "שמעון". דער דאָזיגער איד פון קרית יואל, וועלכער האָט נישט זוכה געווען צו פאָרן קיין ארץ ישראל אויף ל"ג בעומר, האָט צוגעזאָגט ל"ג בעומר תשע"ט, אַז ער וועט אַ נאָמען געבן "שמעון", און אין חודש טבת תש"פ, האָט ער שוין זוכה געווען, בחסד עליון, אַריינצוברענגען זיין ניי-געבוירענעם יונגעלע בבריתו של אברהם אבינו ע"ה, ויקרא שמו בישראל "שמעון"...

**כז.** מ'זעהט אַן אינטערעסאַנטע זאַך, אַ סאַך פון די צדיקים וואָס האָבן אַזוי פיל גערעדט וועגן דעם גרויסן כח פון רשב"י אין ל"ג בעומר, האָבן געוואוינט אין חוץ לארץ, און זענען קיינמאָל נישט געווען ל"ג בעומר (אָדער בכלל) אין מירון. פון דעם קען מען אַליין פאַרשטיין אַז די סגולה און קדושה פונעם טאָג קומט פון "עיצומו של יום", פון דעם עצם טאָג ל"ג בעומר, און אויך דער וואָס איז נישט אימשטאַנד אַרויפצוגיין קיין מירון צוליב וועלכע ס'איז סיבה, קען עוסק זיין אין די תורה פון רשב"י און אין "אידרא" קדישא, און אַפילו מיט זאָגן תהלים, און דער זכות פון רבי שמעון וועט איהם שיצן איבעראַל.

על דרך משל, ווען אַ דאָקטאָר ערפינדט אַ געוויסן רעצעפּט פאַר אַ קראַנקהייט ל"ע, און מ'שיקט אַרום דעם מעדיצין איבער דער גאַנצער וועלט, איז דאָך פאַרשטענדליך, אַז אפילו אויב דער דאָקטאָר געפינט זיך אויף איין אָרט און דער קראַנקער נעמט דעם מעדיצין ערגעץ אַנדערש, אַפילו אין יענעם עק וועלט, וועט ער קענען געהיילט ווערן. דאָס זעלבע איז רבי שמעון'ס נעץ אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און יעדער איינער וועט נעמט זיינע "רעצעפּטן" קען געהאָלפן ווערן מיט אַלעם גוטן, ברוחניות ובגשמיות. רבי שמעון'ס "רעצעפּטן" זענען, חיזוק אין תורה און יראת שמים, און אַזוי קען מען געהאָלפן ווערן מיט אַלעם וואָס מ'דאַרף האָבן.

פונדעסטוועגן, איז דאָ אַ גרויסע מעלה פאַר די וואָס זענען יאָ זוכה זיין אַרויפצוגיין קיין מירון און פאַרברענגען דאָרט דעם הייליגן טאָג, נעבן דעם ציון, ווייל ווי אין דער דערמאָנטן משל מיט'ן רעצעפּט וואָס מ'קען איינעמען איבעראַל, איז זעלבסט-פאַרשטענדליך אַז דער פּאַציענט וועט אויסוועלן צו נעמען דעם מעדיצין ווען דער גרויסער פּראָפעסאָר וואָס האָט ערפונדן דעם רעצעפּט, שטייט נעבן איהם, און קאָנטראָלירט כסדר זיין מצב... אַזוי איז אַוודאי מער מסוגל צו זיין אין מירון, אין דער מחיצה פון תנא האלקי רשב"י, וואו ער שטייט אַליין און איז משגיח אויף אַלע מתפללים, "וכדרך שבא לראות, כך בא ליראות" (לשון הגמרא, חגיגה ב.).

אין דער וועלט איז איינגעפירט, אַז מ'שטעלט אַוועק אין יעדע שטאָט, אַ גרויסע געביידע וואו עס געפינט זיך די הויפּטקוואַרטיר פון די עלעקטריציטעט סטאַנציע, וואָס פון דאָרט ווערט די עלעקטרישע קראַפט אַריבערגעשיקט אין אַנדערע ערטער. ס'איז מעגליך, אַז אַ מענטש זאָל שטיין האַרט נעבן דער הויפּט-סטאַנציע, און עס זאָל איהם זיין פינצטער... פון דער צווייטער זייט, באַקומען אַ סאַך מענטשן די לעקטרישע באַדינונג אויך אויב זיי געפינען זיך ווייט פון דער הויפּטקוואַרטיר. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט ספּעציעלע "דראָטן" ("ווייערס")

צו דער הויפטקווארטיר, און דערפאר איז ביי זיי לעכטיג. דער נמשל איז, אויב מען טוט זיך "פארבונדן" מיט רבי שמעון'ען פונעם ציון און "מ'ציט די פעדימער" ביז אהיים צו זיך, קען דער זכות און כוח פון רשב"י שיצן אויך אין די ווייטע ערטער...

א מורא'דיגע מעשה האט פאסירט אין יאר תשע"ג, אין אמעריקע. אנהויב יענעם יאר האט מען דארט איינגעזעצט עטליכע היימישע אידן. איינע פון די ארעסטירטע אפט פלעגט פארן איבער'ן יאר (נישט נאר ל"ג בעומר, אבער אוודאי געוויס ל"ג בעומר) צו רבי שמעון'ען קיין מירון. האט ער דעמאלטס אויך פראבירט פארן קיין מירון, מתפלל צו זיין אז די גזירה זאל בטל ווערן, אבער די אמעריקאנער פאליציי, האבן איהם שוין נישט געלאזט ארויספארן פון אמעריקע. האט ער געשיקט זיין זון מתפלל זיין ביים ציון הרשב"י אין מירון.

דער איד איז נעבעך געווען זייער צובראכן, און געזאגט צו זיינע קינדער: "ל"ג בעומר, וועל איך נישט זיין אין מירון?". האט איינער פון די קינדער פראבירט איהם בארואיגן, און געזאגט צום טאטן: "יעדעס יאר קומסטו צו רבי שמעון, היי יאר וועט רבי שמעון קומען צו דיר!". זיינע ווערטער האבן אויסגעזעהן ווי א געלעכטער ביי די פאמיליע.

יענעם יאר איז ל"ג בעומר געווען זונטאג. דערציילט דער איד, שבת זענען די ווענט פון טורמע געווען נאס פון זיינע טרערן. וואס זוכט ער דא? ער איז דאך אייביג אין מירון ביי רבי שמעון. אלזא, מוצאי שבת האט אויסגעבראכן א שריפה אין יענעם בנין וואו ער האט זיך געפונען מיט נאך א מנין פרומע אידן, און זעהענדיג די "הדלקה", האבן זיי זיך גענומען זינגען: "תורתו מגן לנו, היא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדינו, אדונינו בר יוחאי...".

צומארגנס האט מען געלאזט וויסן אלע ארעסטאנטן, אז צוליב דעם פייער באפרייט מען זיי אלע אהיים. דאן האבן אלע שוין איינגעזעהן, אז דער זון איז געווען גערעכט: נישט נאר איז רבי שמעון געקומען צו איהם אין תפיסה, נאר ער האט איהם "אנגעכאפט" און ארויסגעפירט פון דארט...

עס האט אונז דערציילט דער בעל העובדא הי"ו, אז עטליכע יאר צוריק איז ער ארעסטירט געווארן צוליב א פארלעצונג פונעם געזעץ, און ס'האט געווארט עטליכע וואכן אויף זיין געריכטליכן אורטייל. ס'איז איבעריג צו זאגן, אז זיין משפחה האט געטוהן פארשידענע השתדלות'ן אז ער זאל באפרייט ווערן, אבער אלע עסקנים האבן געזאגט, אז ווי עס ווייזט אויס, וועט ער דארפן זיצן אין טורמע אמווייניגסטענס פיר וואכן.

עס זענען דאן געווען די טעג פון ספירה, און ווען עס איז געקומען די נאכט פון ל"ג בעומר, האט דער איד זיך דערמאנט אז עס איז היינט די הייליגע הילולא פונעם תנא רשב"י, און ער האט אויסגעבראכן אין א היסטערישן געוויין איבער זיין שווערן מצב. ער האט דאן געמאכט א נדר, אז אויב דער אויבערשטער וועט איהם העלפן און ער וועט באפרייט ווערן פון טורמע אין זכות פון הייליגן תנא רשב"י, וועט ער פארן קיין מירון צו דאנקען דעם אויבערשטען פאר זיינע גרויסע חסדים.

און וואונדער איבער וואונדער: ס'איז נישט פארביי א לאנגע צייט, און פלוצלינג איז אריינגעקומען איינע פון די טורמע וועכטער און איהם באפוילן איהם צו באגלייטן. צו זיין גרויס שטוינונג, האט מען איהם באפרייט אויפ'ן ארט... ער איז תיכף אהיים געפארן, אבער ער האט דארט נאר איבערגעלאזט זיינע זאכן, און געמאלדן פאר די בני בית, אז ער פארט קיין מירון... דאס ווייב און די קינדער האבן איהם פרובירט אפהאלטן דערפון, ווייל ער איז דאך מסתמא פארמאטערט פון די שווערע איבערלעבענישן וואס ער האט מיטגעמאכט אין די לעצטע וואכן, אבער ער האט נישט געוואלט הערן דערפון, און געזאגט אז ער דארף מקיים זיין דעם נדר וואס ער האט געמאכט אין תפיסה, אז אויב ער וועט באפרייט ווערן וועט ער תיכף ומיד פארן קיין מירון. ער איז טאקע געפארן פרייליכערהייט קיין מירון, און פארברענגט ביים הייליגן ציון ביז מוצאי ל"ג בעומר, דאנקען דעם אויבערשטען פאר'ן גרויסן חסד וואס ער האט געטוהן מיט איהם.

אין זיינע עלטערע יארן, האט דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל "אמרי חיים" זי"ע, אמאל שטארק משתוקק געווען פאר ראש השנה, צו פארן קיין מירון, זאגנדיג, אז ווען מ'שטייט ביים יום הדין, איז וויכטיג מיטצונעמען מיט זיך דעם בעסטן "אדוואקאט", וואס דאס איז דער תנא אלקי רשב"י. די גבאים האבן אבער געבעטן דעם "אמרי חיים", ער זאל נישט פארן, צוליב זיין שוואכן געזונט צושטאנד. האט דער "אמרי חיים" געהייסן פרעגן זיין זון, הרה"ק בעל "ישועות משה" זי"ע, וועלכער איז דאן געווען דער רב פון שיכון וויזשניץ אין בני ברק. אויך דער "ישועות משה" האט "גע'פסק'ענט", אז זיין טאטע טאר יעצט נישט פארן קיין מירון.

מ׳לערנט די דברי תורה פונעם צדיק, איז גלייך ווי מ׳וואָלט געווען ביים ציון וואו דער צדיק ליגט באַהאַלטן. אויך איז דער וואָס לערנט די מאמרים פון רשב״י, ווערט ער פון זיינע תלמידים[כח].

**הוא ימליץ טוב - דער כח פון ר׳ שמעון צו מבטל זיין אַלע גזירות**

**יכול אני לפטור את העולם כולו מן הדין** - זאָגן צדיקים (״שפתי צדיק״, ל״ג בעומר, אות א, שו״ת מהרש״ם, הקדמה לח״ב) אַז יעדעס יאָר אין זיין יומא דהילולא, ל״ג בעומר, שטיט רבי שמעון בן יוחאי און איז ממליץ-טוב פאַר אידישע קינדער, זיי צו פטר׳ן פון מדת הדין, און ער איז מבטל אַלע גזירות[כט].

אַזוי האָט מען געהערט אַרויסגיין אַ קול פון די מערה פון רשב״י ווען מ׳האָט אַריינגעברענגט זיין בעט צו זיין מקום מנוחה אין מירון, ״זה האיש מרעיש הארץ, מרגיז ממלכות״, דער דאָזיגער מענטש רודערט אויף

---

דער ״אמרי חיים״ האָט אָנגענומען דעם פסק, זאָגנדיג, מ׳דאַרף דאָך פאָלגן דעם ״מרא דאתרא״... אנשטאט דעם, איז ער געפאָרן צום כותל המערבי אין ירושלים. נאָכ׳ן מתפלל זיין ביים כותל, איז דער ״אמרי חיים״ אַרויפגעגאַנגען אין הויז פון זיין אייניקל, כ״ק אדמו״ר מסלונים שליט״א, כדי זיך אַביסל אָפצורוען. ווען דער ״אמרי חיים״ האָט זיך געפונען אין הויז פון סלונימער רבי׳ן, איז זיין פאָטער, הרה״ק בעל ״נתיבות שלום״ מסלונים זי״ע, געקומען איהם באַזוכן און זיך ווינטשן אַ גוט יאָר. האָט דער ״אמרי חיים״ דערציילט פאַר׳ן ״נתיבות שלום״, אַז ער האָט געוואָלט פאָרן קיין מירון, אָבער זיין זון, דער מרא דאתרא פון שיכון וויזשניץ, האָט גע׳פסק׳ענט אַז ער טאָר נישט פאָרן... האָט דער ״נתיבות שלום״ זיך אָנגערופן מיט׳ן לשון פון די גמרא, אַז רבי שמעון איז כדאי מ׳זאָל זיך אויף איהם פאַרלאָזן, ״בפניו ושלא בפניו״. דער ״אמרי חיים״ האָט זיך געפרייט מיט די ווערטער פונעם ״נתיבות שלום״, און האָט צוגעלייגט:

- ביי רבי שמעון׳ען, איז דאָך סיי-ווי אייביג אַ בחינה פון ״בפניו״ (אויך ווען עס איז ״שלא בפניו״...), ווייל דער זוהר הקדוש זאָגט דאָך: ״מאן פני האדון ה׳, דא רשב״י״...

און אָט איז אַ מעשה, ווי אַ איד איז געהאָלפן געוואָרן אין זכות פון הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי, אויך ״שלא בפניו״:

אין קרית יואל, וואוינט אַ יונגערמאַן וועלכער האָט צען יאָר נאָך די חתונה, ליידער נישט זוכה געווען צו זרע של קיימא. ל״ג בעומר שנת תשע״ט, האָט ער מקבל געווען אויף זיך, אַז אויב עס וועט ביי איהם געבוירן ווערן אַ יונגל, וועט ער איהם אָנרופן ״שמעון״, על שמו של התנא האלקי רשב״י. 9 חדשים שפעטער, חודש שבט תש״פ, איז ער געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן זכר, און ער האָט איהם אַ נאָמען געגעבן שמעון. (ער האָט געוואָלט קומען קיין מירון דאַנקען רבי שמעון׳ען, אָבער ער האָט נישט געקענט פאָרן, האָט ער געבעטן אַ היימישן איד, הרה״ח ר׳ מאיר יהודה הערץ נ״י פון קרית יואל, צו קומען אַלס זיין שליח און זיין אויף שבת אין מירון.) זעהען מיר פון די מעשה ווי מ׳האָט גע׳פועל׳ט אַ ישועה אין זכות פון רבי שמעון, אויך ״שלא בפניו״ - נישט אין מירון...

הגה״צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ״ל שרייבט, אַז דער וואָס קען צוליב אַן אונס אָדער שוואַכקייט נישט אַרויפגיין קיין מירון אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר, אָדער ער וואוינט אין חוץ לארץ, זאָל ער לערנען דעם ספר ׳מאמרי רשב״י׳, און וואו נאָר ער געפינט זיך, זאָל ער זיך מיטפרייען מיט די שמחה פון הילולא דרשב״י, און ער וועט אויך געהאָלפן ווערן.

**כח.** ווי ווייט מ׳קען זיך אויפהייבן אין תורה, קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז אוודאי טראַכט קיינער נישט אין אונזער דור, אַז ער איז געגוג חשוב אַז בעלמא דקשוט וועט מען איהם אַריינזעצן אינעם היכל פון רשב״י, אָבער דאָ, אויף דער וועלט, קען יעדער איינער ״אַריינקומען״ אין רבי שמעון׳ס ״היכל״, דורך לערנען זיינע הייליגע מאמרים אין דער גמרא אָדער אין זוהר...

**כט.** דער קאַטאַמאָנער רב, הגה״צ רבי יהושע דייטש זצ״ל, דערציילט (אין זיין ספר ״בית הלחמי״, פרשת פקודי), אַז אין יאָר תרפ״ז, ווען ער איז נאָך געווען אַ בחור, איז ער אין יום טוב סוכות געווען אין דער שטאָט מונקאַטש, אין טאָג פון די יאָרצייט פון הרה״ק רבי צבי הירש ממונקאַטש זי״ע, בעל ״דרכי תשובה״ (יום א׳ דסוכות), און ער איז אַרויפגעגאַנגען צום ״ציון״ פונעם ״דרכי תשובה״, צוזאַמען מיט זיין ממלא מקום, דער דעמאָלסדיגער מונקאַטשער רב, הרה״ק בעל ״מנחת אלעזר״ זי״ע.

די גאנצע וועלט, ער טוט אויפרודערן קעניגרייכן. "כמה פטרין ברקיע נשקטים ביום הזה בשבילך" - וויפיל מקטריגים ווערן איינגעשטילט אין דעם טאָג וועגן דיר.

**זאָגן** אויך אויף דעם די ספרים הקדושים, אַז יעדעס יאָר אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, ווערן "איינגעשטילט" אַלע מקטרגים, און עס ווערן בטל אַלע דינים אין זכות פון הייליגן בעל ההילולא, דער תנא האלוקי רשב"י.

**עס** שטייט אין זוהר הקדוש (ח"ב, טו.) אַז אַלע עולמות העליונים ציטערן פון דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי, און אויף איהם זאָגט דער פסוק (עמוס ג, ח) "אריה שאג מי לא יירא"[ל].

**עס** ווערט געברענגט אין זוהר הקדוש (השמטות, ח"א, עה"פ "ואברהם היה יהיה"), אַז רבי שמעון בן יוחאי איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, און ער האָט געזעהן מיט זיינע הייליגע אויגן, אַ גרויסע פינצטעניש וואָס קומט אַראָפּ אויף דער וועלט. האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט צו זיין זון רבי אלעזר, "קום מיט מיר, און מיר וועלן זעהן וואָס דער אויבערשטער וויל יעצט טוהן אויף דער וועלט".

**זענען** זיי געגאַנגען און זיי האָבן באַגעגנט אַ מלאך וואָס איז געווען גרויס אַזוי ווי אַ גרויסער באַרג, און פון זיין מויל זענען אַרויסגעגאַנגען דרייסיג פונקען פייער. האָט רבי שמעון בן יוחאי איהם געפרעגט: "וואוהין גייסטו, און וואָס טראַכסטו יעצט צו טוהן אויף

---

דער "מנחת אלעזר" האָט געהאַט אַ מנהג, צו זינגען דעם פיוט "בר יוחאי", ביים ציון פון זיין פאָטער, דעם "דרכי תשובה" (כדי צו ווייזן די התקשרות פון דעם "דרכי תשובה" מיט'ן הייליגן תנא רשב"י. דער בעל "דרכי תשובה" האָט מחבר געווען אויפ'ן ספר "תיקוני זוהר", דעם ספר "באר לחי רואי", 3 בענדער). נאָך דעם ווי דער מונקאַטשער רב האָט געענדיגט זינגען דעם פיוט "בר יוחאי", האָט ער געזאָגט דברי תורה אויף די ווערטער "אשרי העם הם לומדיך". דאָס וואָרט "לומדיך", איז לכאורה אומפאַרשטענדליך. מיר וואָלטן ענדערש געדאַרפט זאָגן, "אשרי לומדי תורתך", אָדער "לומדי חיבורך". פונעם לשון "לומדיך" איז משמע ווי די אידן לערנען עפּעס אַ לימוד פאר רבי שמעון בן יוחאי.

האָט הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" געענטפערט, אַז די כוונה דערפון איז, אויף דעם וואָס מ'גייט צו קברי צדיקים אין אַן עת צרה ח"ו, כדי צו בעטן ביי די צדיקים, אַז זיי זאָלן מתפלל זיין בטל צו מאַכן די גזירה, ווייל אָפט מאָל באַהאלט מען אין הימל די גזירות פון די צדיקים, כדי זיי זאָלן נישט בטל מאַכן די גזירות, ווי די גמרא זאָגט (מו"ק טז:) "הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל", דער אויבערשטער איז גוזר אַ גזירה ח"ו אָבער דער צדיק איז מבטל די גזירה פונעם אויבערשטען כביכול. צוליב דעם קומען אידן צו די קברים פון די צדיקים, כדי מקיים צו זיין "הם לומדיך" - "אויסצולערנען" דעם צדיק, וועגן אַלעס וואָס קומט פאָר אויף די וועלט, און די גרויסע צרות וואָס אידישע קינדער ליידן נעבעך, כדי דער צדיק זאָל מרעיש עולמות זיין אין הימל, אַז דער באַשעפער זאָל ראַטעווען אידישע קינדער פון אַלע שלעכטע גזירות. (דערנאָך האָט דער מונקאַטשער רב זי"ע אויסגערעכנט פאַר זיין גרויסן טאַטן, דעם בעל "דרכי תשובה", די צרות ל"ע וואָס ער ליידט).

**ל.** די מעשה איז געווען ווי פאָלגענד: אַמאָל איז רבי שמעון געזעסן, און נעבן איהם, איז געשטאַנען זיין זון רבי אלעזר און געלערנט די סודות פון חכמה. זייערע פנימ'ער האָבן געלויכטן ווי די זון, און זייערע רייד זענען אַרויפגעגאַנגען ביז'ן הימל. אַזוי זענען זיי געזעסן במשך צוויי גאַנצע טעג, נישט געגעסן און נישט געטרינקען, און זיי האָבן נישט געוואוסט אויב ס'איז טאָג, אָדער נאַכט. ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט רבי שמעון זיך אָנגערופן מיט די ווערטער פון פסוק (שמות לד, כח) "ויהי שם עם ה' ארבעים יום וארבעים לילה, לחם לא אכל ומים לא שתה"...

ווען רבי חייא האָט שפּעטער דערציילט די מעשה פאַר רבי, האָט רבי זיך געוואונדערט דערויף, האָט זיין פאָטער, רבי שמעון בן גמליאל, איהם געזאָגט: "מיין קינד, רבי שמעון בן יוחאי איז דאָך אַ לייב, און אויך זיין זון רבי אלעזר איז אַ לייב, אָבער רבי שמעון בן יוחאי איז נישט אַזוי ווי די אַנדערע לייבן, נאָר אויף איהם שטייט 'אריה שאג מי לא יירא'. און מה דאָך די וועלטן וואָס זענען העכער פון איהם, ציטערן פאַר איהם, דאַרפן מיר אַוודאי און אַוודאי ציטערן פאַר איהם. אַ מענטש וואָס האָט קיינמאָל נישט גוזר תענית געווען אויף אַ זאַך וואָס ער האָט געבעטן, נאָר ער איז גוזר און דער אויבערשטער איז עס מקיים, דער אויבערשטער גיט אַרויס אַ גזירה און ער איז עס מבטל"...

דער וועלט?". האָט דער מלאך איהם געענטפערט אַז ער גייט חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט, ווייל עס איז אַרויס אַ גזירה פון באַשעפער אַז אין יעדע צייט מוזן זיין דרייסיג צדיקים אויף דער וועלט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יח, יח) "ואברהם היו יהיה". דאָס וואָרט "יהיה" באַטרעפט 30. "יעצט געפינען זיך אויף דער וועלט וויינ‍יגער ווי 30 צדיקים, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער מיך געשיקט אַז איך זאָל חרוב מאַכן די וועלט" - האָט דער מלאך געזאָגט צו רשב"י.

**האָט** רבי שמעון איהם געזאָגט: "איך בעט ביי דיר, גיי צוריק צו דעם אויבערשטען, און זאָג איהם אַז דער זון פון יוחאי געפינט זיך אויף דער וועלט". האָט דער מלאך זיך געוואָנדן צו דעם אויבערשטען, און איהם געזאָגט: "האַר פון דער וועלט, פאַר דיר איז דאָך אַנטפלעקט וואָס דער זון פון יוחאי האָט מיר געזאָגט". האָט דער אויבערשטער געזאָגט: "גיי און מאַך חרוב די גאַנצע וועלט, און קוק נישט אויף די ווערטער פון דעם זון פון יוחאי". ווען דער מלאך איז צוריקגעקומען און רבי שמעון האָט איהם געזעהן, האָט רבי שמעון געזאָגט צו איהם: "אויב דו וועסט זיך נישט אָפּטוהן פון אונז, וועל איך גוזר זיין אויף דיר אַז דו זאָלסט מער נישט קענען צוריק אַרויפגיין צו דיין אָרט אין די הויכע הימלען, ווייל איך וועל דיך פאַרוואַרפן צו אַ פאַרוואָרפענעם אָרט, דאָרט וואו עוזא און עזאל [צוויי מלאכים וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון הימל צו דער ערד, און זיי זענען צוגעבונדן מיט קייטן אין די פינצטערע בערג (יומא סז: וברש"י ד"ה "עוזא")]. נאָר גיי צוריק צום באַשעפער פון דער וועלט, און זאָג איהם, אַז אויך אויב עס געפינען זיך נישט דרייסיג

צדיקים אויף דער וועלט, איז גענוג דער זכות פון צוואָנציג צדיקים אַז די וועלט זאָל האָבן אַ קיום, ווי דער פסוק זאָגט (בראשית יח, לא) "לא אשחית בעבור העשרים" - איך וועל נישט חרוב מאַכן (סדום) אין זכות פון די צוואָנציג צדיקים. און אויב עס געפינען זיך נישט אַפילו 20 צדיקים אויף דער וועלט, איז גענוג דער זכות פון צען צדיקים צו ראַטעווען די וועלט פון אַ חורבן, ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געזאָגט (שם לב) "לא אשחית בעבור העשרה".

"און אויב עס זענען נישט דאָ אַפילו צען צדיקים אויף דער וועלט, זאָלן די יסודות פון דער וועלט נישט צוזאַמענפאַלן, אין זכות פון צוויי צדיקים - איך רבי שמעון, און מיין זון רבי אלעזר, ווייל אַזוי זאָגט דער פסוק (דברים יט, טו) "על פי שנים עדים יקום דבר", און "דבר" מיינט מען די וועלט, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים לג, ו) "בדבר ה' שמים נעשו". און אויב עס זענען נישט דאָ צוויי צדיקים, געפינט זיך אויף דער וועלט איין צדיק, דאָס בין איך, און דער פסוק זאָגט (משלי י, כה) "וצדיק יסוד עולם" - איין צדיק איז גענוג צו האַלטן די גאַנצע וועלט אין זיין זכות.

**פירט** אוים דער זוהר הקדוש, דעמאָלס איז אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און געזאָגט: "וואויל איז דיין חלק, רבי שמעון, וואָס דער אויבערשטער גיט אַרויס אַ גזירה אין הימל, און דו ביזט עס מבטל אונטן, אויף דיר איז זיכער געזאָגט געוואָרן דער פסוק (תהלים קמה, יט) "רצון יראיו יעשה"[לא].

**"דבריו** עושים פירות" - די ווערטער פון הייליגן תנא רבי שמעון בן יוחאי, ברענגען די אמת'דיגע רעזולטאַטן. אַפילו אַ "דיבור בעלמא", בלויז אַ וואָרט

---

**לא.** אט דער הייליגער כח פון תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, ווערט נמשך ביז'ן היינטיגן טאָג. ווען איך בין געווען אין אתרא קדישא מירון, האָב איך געהערט אַ מורא'דיגע מעשה פונעם בעל המעשה אַליין, אַ גרויסער תלמיד חכם, אַ בקי בכל מכמני התורה, ממש "גבוה משכמו ומעלה", אַ ירא שמים מרבים. דער איד - וועלכע מיר האבן א נאמען געגעבן "ר' מרדכי בעל הנס" - פאָרט אָפט צום ציון פונעם תנא האלקי רשב"י.

דערציילט ר' מרדכי, אַז שוין מערערע יאָרן וואָס זיינע נירן האָבן ליידער אויפגעהערט אַרבעטן, אויף גאָר אַ שווערן אופן (פאַר די וואָס פאַרשטייען דערצו, איז זיין מצב געווען "נומער 17"), און ער האָט ליידער געמוזט אַדורכגיין "דיאַליז" באַהאַנדלונגען יעדע נאַכט. פון שפיטאָל האָט מען איהם געגעבן אַ ספּעציעלע "דיאַליז" מאַשין אַהיימצונעמען, און ער האָט יעדע נאַכט זיך געדאַרפט באַהעפטן צו די דיאַליז-מאַשין במשך פון צען (!) שעה. אויך ווען ער פלעגט קומען קיין מירון אויף שבת, האָט ער געמוזט מיטנעמען די מאַשין און זיך באַהאַנדלען אַזוי, ווייל דער דאָקטאָר האָט איהם נישט ערלויבט צו פאַרפעלן אַפילו איין נאַכט פון די מאַשין, ווייל זיין לעבן איז ממש אָנגעוויזן דערויף.

אין צוגאָב צו דעם אַלעם, האָט ער גערדאַרפט באַזוכן ביים דאָקטאָר יעדן חודש, כדי דער דאָקטאָר זאָל קענען זעהן פון דער נאָנט דעם מצב פון זיינע נירן, וויבאַלד די דיאַליז-באַהאַנדלונג איז געמאַכט געוואָרן נאָר ביי איהם אין דער היים.

לײדער, איז זיין מצב צוביסלעך געוואָרן ערגער רח"ל, און בלית ברירה האָט דער דאָקטאָר באַשלאָסן דורכצופירן איבער איהם אַ "נירן-איבערפלאַנצונג". ווי באַקאַנט האָט דער אויבערשטער געטוהן אַ חסד מיט זיינע באַשעפעניש, און יעדער מענטש האָט צוויי נירן, אין דער צייט וואָס מ'קען לעבן אַפילו מיט איין ניר, און די צווייטע קען מען ביישטייערן פאַר די וואָס נויטיגן זיך דערין. דער איד האָט שוין ב"ה געפונען עמיצן וואָס זיין ניר איז פאַסיג פאַר זיין קערפער, און מ'האָט באַשטימט אַ צייט פאַר די איבערפלאַנצונג פונעם ניר, אין "קאָלאָמביע" שפיטאָל אין מאַנהעטן. ער האָט שוין אַפילו באַצאָלט דעם גאַנצן סכום, 180 טויזנט דאָלאַר, "טבין ותקילין".

כדי זיין קערפער זאָל זיין אימשטאַנד "אויפצונעמען" די נייע ניר, האָט דער איד גערדאַרפט דורכגיין פאַרשידענע אונטערזוכונגען, און מ'האָט אַפילו גערדאַרפט פאַררעכטן זיינע ציין, ווייל אויב עס איז דאָ אַפילו אַ קליין לעכל אין איינעם פון זיינע ציין, קען דאָס שאַפן אַ געפאַר פאַר זיין לעבן ביי די אָפעראַציע, ווייל אויב עס באַהאַלטן זיך פאַרשידענע באַקטעריעס אינעם לעכל פונעם צאָן, קען דאָס חלילה שאַטן פאַר'ן פאַציענט.

אַלזאָ, כדי צו ראַטעווען זיינע ציין האָבן די דאָקטוירים פאַרלאַנגט נישט ווייניגער ווי 130 טויזנט שקלים, און צוליב די גרויסע הוצאות פון די באַהאַנדלונג, האָט מען לײדער געמוזט אָפּשטופּן די גאַנצע נירן-איבערפלאַנצונג, ביז אָנהייב זומער פון יאָר תשע"ח, וואָס דאַן "באו מים עד נפש", און אָן אַ ברירה, האָט ער באַשטעלט אַ באַזוך ביים ציין-דאָקטאָר אויף דער וואָך נאָכ'ן יום טוב שבועות.

וויבאַלד שבועות איז געוועהן מוצאי שבת, איז "ר' מרדכי בעל הנס" געפאָרן קיין מירון צום ציון פונעם תנא האלקי רשב"י אויף שבת, און מוצאי שבת - די נאַכט פון יום טוב - איז ער צוגעגאַנגען צום הייליגן ציון, און זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער, "בזכות רבי שמעון ענני, זכותו יגן עלינו, רפואה שלימה תרפאנו, בזכות אדונינו בר יוחאי". דאַן האָט ער געזאָגט: "רבי שמעון, איך נויטיג זיך אין אַ קליינעם 'נס', און חז"ל האָבן אונז שוין געלערנט אַז דו, רבי שמעון, ביזט אַ 'מלומד בניסים' (מעילה יז.) און דו האָסט אַליין געזאָגט (סוכה מה:) "יכול אני לפטור את כל העולם מן הדין", איך בין אימשטאַנד צו באַפרייען די גאַנצע וועלט פון מדת הדין. יעצט בין איך געקומען צו דיר, איך האָב אין מיין קערפער צוויי נירן, און איך נויטיג זיך אין אַ קליינעם נס, אַז זיי זאָלן ווידער אָנהייבן אַרבעטן אַזוי ווי פריער.

דעם אמת געזאָגט, אַז כאָטש דער איד האָט מתפלל געווען אויף אַ "קליינעם נס", איז עס אָבער געווען אַ בקשה אויף אַ זאַך וואָס איז למעלה מדרך הטבע, ממש אין דער בחינה פון "תחיית המתים", ווייל אַ ניר וואָס אַרבעט נישט ווי ס'דארף צו זיין, האָט געווענליך, בדרך הטבע, נישט קיין האָפענונג אָנצופאַנגען פלוצלינג אַרבעטן געהעריג. אויף דעם פאָדערט זיך אַ נס ווי "קריעת ים סוף". דער איד האָט אָבער געהאַט גאָר אַ גרויסע אמונה אין באַשעפער, ווי אויך אינעם זכות פון הייליגן תנא רשב"י, און ממילא, איז עס אין זיינע אויגן געווען גאַנץ אַ פשוט'ע זאַך, אַז דאָס וועט זיין נישט מער ווי אַ "קליינער נס", אַז זיינע נירן זאָלן אָנהייבן אַרבעטן געהעריג.

ווען ער איז געקומען צום דאָקטאָר נאָך שבועות (ווי ער פלעגט זיך פירן, איינמאָל אין דרייסיג טעג צו קומען צום דאָקטאָר פאַר אַן אונטערזוכונג), האָט ער באַמערקט ווי דער דאָקטאָר 'טוישט קאָלירן' אויפ'ן פנים, און פון גרויס התרגשות און וואונדער, שרייט ער אויס: "ווי אַזוי עס איז מעגליך?... וואָס האָט דאָ פאַסירט?"... דער איד איז געוואָרן דערשראָקן, ווער ווייסט וואָס עס האָט פאַסירט מיט מיינע נירן. דער דאָקטאָר האָט שנעל צוגערופן אַ גרעסערן דאָקטאָר, וואָס איז געווען זיין אויפזעהער, און יענער האָט צוגערופן דעם פּראָפעסאָר "בכבודו ובעצמו", און אַלע האָבן אויסגעדריקט שטוינונג, זאָגנדיג צו דעם תלמיד חכם: "טייערער איד... מיר האָבן נישט קיין מעדיצינישע ערקלערונג דערפאַר, ווייל מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ זאַך, אַז 'אחרי בלותי היתה לי עדנה', דיינע נירן אַרבעטן פלוצלינג 'כאחד האדם' - ווי ביי יעדן אַנדערן מענטש...". זיי האָבן דעריבער געוואָלט וויסן, ביי וועלכן דאָקטאָר ער איז געווען, און וואָס פאַראַ באַהאַנדלונג ער האָט באַקומען... האָט דער איד זיי געזאָגט: "כ'בין געגאַנגען צו דעם גרויסן דאָקטאָר, דער וואָס באַווייזט וואונדער, דער תנאי רבי שמעון בר יוחאי, וואָס ער איז 'מלומד בניסים', און ער האָט מיך 'באַהאַנדלט' ווי געהעריג...".

די דאָקטוירים האָבן זיך נישט באַרואיגט, און האָבן איהם געזאָגט, אַז זיי ווילן די קומענדיגע וואָך פּרובירן אָן דעם 'דיאַליז' אויף די נירן, און סוף וואָך, זאָל ער צוריקקומען אין שפיטאָל און זיי וועלן איהם אונטערזוכן. ער

האָט אַזוי געטוהן. נאָך יאָרן וואָס ער האָט יעדע וואָך געדאַרפט דורכגיין דעם 'דיאַליז', האָט ער במשך יענע וואָך נישט געמאַכט דעם דיאַליז. אַ וואָך שפּעטער, ווען ער איז צוריקגעקומען צום דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר איהם נאָך אַמאָל אונטערזוכט, און צו זיין שטוינונג האָט ער ווידער געזעהן אַז די נירן אַרבעטן געהעריג. ער האָט אָבער נישט געוואָלט באַפרייען איהם "מיט לייזיגע הענט", ווייל עס האָט דאָך - ווי געזאָגט - נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט אַזאַ זאַך, אַז נירן וואָס האָבן אויפגעהערט אַרבעטן, דערצו אויף אַזאַ שווערן אופן, זאָלן פּלוצלינג אָנהייבן אַרבעטן גלייך ווי עס וואָלט קיינמאָל נישט געווען אַ פּראָבלעם... דעריבער האָבן זיי פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ פּראָבע אויף צוויי וואָכן אָן אַ דיאַליז, און אַזוי וועט מען אָנקומען צו דריי וואָכן אין אַ ציה, אָן אַ דיאַליז, און דאַן וועט מען באמת קענען זעהן זיין געזונט צושטאַנד.

צוויי וואָכן שפּעטער, האָבן די דאָקטוירים איהם געזאָגט, "טייערער פריינט, מיר האָבן נישט קיין הסבר דערפאַר, אָבער די ביזט פולשטענדיג געזונט... קענסט אַהיימגיין, 'לך אכול בשמחה לחמך', און ברענג צוריק אַהער די דיאַליז-מאַשין...

מיר האָבן געהערט פון דעם בעל העובדא, הרב ש. ג. פון וויליאמסבורג יצ"ו. זיין רעביצין איז ל"ע דיגנאזירט געוואָרן אין יאָר תשס"ח מיט דעם ביטערע "עם עס" מחלה רח"ל, און ליידער האָט זי שוין במשך פון ווינטער תשע"ז, פאַרלוירן כמעט אינגאַנצן איר זעה-קראַפט רח"ל. מ'איז געגאַנגען מיט איר צו פאַרשידענע דאָקטוירים, און איין פּראָפעסאָר אויף דעם געביט פון זעהן, האָט געזאָגט אַז די "טעסטן" ווייזן, אַז דער נערוו וואָס פירט די ראי' פון מח צו די אויגן איז אינגאַנצן געשעדיגט געוואָרן רח"ל, אַזוי אַז על פי דרך הטבע, און ווי עס ווערט ערקלערט אין די מעדיצינישע ביכער, איז ליידער נישט פאַרהאַן אַ רפואה צו איר מחלה רח"ל. מ'האָט שוין אַפילו געשיקט פון דעם סאָציאַלן דעפּאַרטמענט ביי דער רעגירונג, צוצופּאַסן זייער הויז צו אַ הויז פון בלינדע ל"ע.

לכבוד ל"ג בעומר, איז דאָס פּאָרפאָלק, דער מאַן און די פרוי, געפאָרן (אין באַגלייטונג פון צוויי נשים צדקניות, וואָס האָבן וואָלונטירט אַרומצופירן די רעביצין אויף אַ "ווילטשעיר" איבעראל וואו זי וויל גיין, וויבאַלד זי האָט שוין נישט געקענט גיין אויף די פיס), מיטצוהאַלטן די שמחה פון התנא האלוקי רשב"י נ"ע ביים ציון אין מירון אין זיין יומא דהילולא, און מעתיר זיין בתפילה ובתחנונים פאַרן הייליגן באַשעפער, צו פועל'ן אַ רפואה פאַר די פרוי תליט"א.

אויף דעם ראַט פון סקולענער רבי'ן שליט"א (נאך אלס רב אין מאנטריאל), זענען זיי ל"ג בעומר נאָכמיטאָג אַרויפגעגאַנגען צום ציון (נאָך דעם ווי דער רבי האָט אַרומגערעדט פאַר זיי די געהויבנקייט פונעם זמן, און ער האָט זיי געזאָגט אַז פונעם "באַרג" אין מירון קען מען אויך פועל'ן, אָבער די נשים האָבן געזאָגט אַז זיי ווען איר אַריינפירן אינעווייניג אין די מערה). די וועכטער האָבן פּרובירט זיי אָפּהאַלטן פון אַריינגיין צום ציון, אָבער זיי האָבן נישט מוותר געווען, און זיי זענען אַריינגעקומען נאָנט צום ציון, וואו די פרוי האָט זיך גענומען זאָגן תהלים מיט טרערן במשך פון צוויי און אַ האַלב שעה. דאַן האָט זי זיך פאַרבונדן מיט איר מאַן און געזאָגט, אַז זי האָט געענדיגט גאַנץ תהלים, און זי איז שוין גרייט אַרויסצוקומען.

דעמאָלס, האָט איר מאַן נאָך נישט פאַרשטאַנען דעם גרויסן נס, ווייל שוין טעג און וואָכן ווי זי האָט פאַרלוירן דעם כח הראיה, און נאָר איין דאָקטאָר האָט באַמערקט אַז אין אַ ווינקל פון איינע פון די אויגן קען זי נאָך עפּעס זעהן מיט אַ גאָר גרויסן פאַרגרעסערונג-גלאָז, און דערפאַר האָט מען פאַר איר אָפּגעדרוקט אַ ספּעציעלן תהלים, וואו די אותיות זענען געווען גרויס נישט ווייניגער ווי צוויי 'אינטשעס'. און אַזוי אַזוי, האָט איר גענומען צו לייענען אַ גאַנצן בלאַט אַ גאַנצע שעה, און ווי אַזוי האָט זי געקענט זעהן ביים ציון פון רשב"י און לייענען "כאחד האדם", אויסזאָגן גאַנץ תהלים אין משך פון צוויי שעה...

ווען זיי זענען אָנגעקומען צוריק אַהיים קיין אַמעריקע, זענען זיי אַרויפגעגאַנגען אין אָפיס פונעם דאָקטאָר, דער דאָקטאָר האָט אַריינגעקוקט אין די אויגן פון דער פרוי מיט אַ "פלעשלייט", און ער האָט אויסגעשריגן: "זי זעהט דאָך מיט די אויגן!...". ער האָט תיכף אַריבערגעשיקט די פרוי פונעם 'טעסט' צו אַן אַנדערן פּראָפעסאָר, אַ וועלט-מומחה, וועלכער איז ליידער געווען אַ "כופר הכל" רח"ל, נישט גלייבנדיג אין באַשעפער און אין זיינע גרויסע כוחות. נאָך דעם ווי ער האָט אַליין ערלעדיגט פאַר איר אַן "אַפּאָינטמענט" ביי יענעם פּראָפעסאָר (מיט זייערע אייגענע באַמיאונגען, וואָלטן זיי ערשט אָנגענומען געוואָרן אַ יאָר שפּעטער...). ווען יענער גרויסער פּראָפעסאָר האָט איר באַטראַכט, האָט ער זיך אויך זייער געוואונדערט ווי אַזוי עס האָט פּאַסירט אַזאַ נס, וויבאַלד מעדיציניש, איז ליידער נישט געווען פאַר איר קיין רפואה, ווייל מ'קען נישט אויפלעבן דעם נערוו וואָס פירט די זעה-קראַפט פון מח צו די אויגן, נאָך דעם ווי ס'איז לייד̇ער אינגאַנצן אָפּגעמעקט געוואָרן.

פון רבי שמעון[לב], ווי עס שטייט אין זוהר חדש (מדרש רות, קד) אַז רבי שמעון איז אַמאָל געגאַנגען אויפ'ן וועג. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער שטאָט לוד, זענען געקומען צו איהם די מענטשן פון שטאָט און האָבן איהם דערציילט אַז עס הערשט אַ שווערע מגיפה רח"ל אויף דער שטאָט. האָט רבי שמעון זיך אַרומגעדרייט און איז געגאַנגען אַרום און אַרום די שטאָט, און האָט געזעהן אַסאַך מענטשן ליגן אָן קיין צייכענס פון לעבן. האָט ער זיך אָנגערופן: "ווי אַזוי איז מעגליך, אַז איך בין דאָ אין שטאָט און די מגיפה איז נאָך אַלץ דאָ? איך בין גוזר אַז די מגיפה זאָל בטל ווערן!".

**האָט** מען באַלד געהערט אַ "בת קול" אויסרופן אין הימל צו די מלאכים וואָס זענען געווען ממונה אויף די מגיפה, "גייט אַרויס פון דעם שטאָט, ווייל רבי שמעון בר יוחאי געפינט זיך דאָ, און דער אויבערשטער געבט אַרויס אַ גזירה און ער (רשב"י) איז עס מבטל".

**גענוי** אין יענער צייט, האָט דער צדיק רבי חנינא זיך אויך געפונען אין לוד, און ווען ער האָט געזעהן די מעשה פון רשב"י, איז רבי חנינא אַריבערגעגאַנגען צו רבי מאיר און ער האָט איהם דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט. האָט רבי מאיר זיך אָנגערופן: "ווער איז דער וואָס קען פאַרשטיין די גרויסקייט פון רבי שמעון בן יוחאי".

**דאַן** האָט רבי מאיר געזאָגט: מיר זעהן אין די תורה הק', אַז ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ מגיפה האָט משה רבינו ע"ה זיך אַזוי פיל געדאַרפט מטריח זיין עס אָפּצושטעלן. ווי מיר זעהן אין די פסוקים: "ויאמר משה אל אהרן קח את המחתה ותן עליה אש מעל המזבח ושים קטורת" (במדבר יז, יא), און דער פסוק זאָגט ווייטער (פסוק יב) "ויקח אהרן וגו' והנה החל הנגף בעם", און אַ פסוק ווייטער (פסוק יג) "ויעמוד בין המתים ובין החיים ותעצר המגפה". אנדערש איז אבער מיט רבי שמעון בן יוחאי, מיט זיין וואָרט איז ער מבטל די גזירה פון מיתה רח"ל וואָס דער אויבערשטער האָט אַרויסגעגעבן. דאָס הייסט, אַז משה רבינו ע"ה האָט זיך געדאַרפט מטריח זיין מיט טוהן פאַרשידענע פעולות

---

נישט גלייבנדיג וואָס זיינע אויגן זעהען, האָט דער פּראָפעסאָר זיי געפרעגט ביי וועמען זיי זענען געווען... האָט דער מאַן געענטפערט: "מיר זענען געווען ביי דעם 'פּראָפעסאָר' רבי שמעון בר יוחאי אין ארץ ישראל"... בלית ברירה, האָט דער פּראָפעסאָר מודה געווען, כאָטש ער איז אַ "כופר" רח"ל, אַז ס'איז פאַרהאַן אַ "בעל היכולת", וואָס קען אַלעס באַווייזן...

ווען דער מאַן האָט געפרעגט דעם פּראָפעסאָר: "אָט זעהט זי שוין, ברוך השם, אויף אירע אויגן, ווי אַזוי קענט איר זי העלפן אַז זי זאָל שוין אויך קענען אָנהייבן גיין אויף די אייגענע פיס?", האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט:

- דאָ אין דעם אָפיס, האָב איך נישט פאַר איר קיין וועג צו העלפן איר. פאָרט צוריק קיין ארץ ישראל, צו יענעם 'פּראָפעסאָר רשב"י', ער וועט אייך העלפן...

**לב.** אַזוי דערציילט דער זוהר הקדוש (שמות טו.) אַז רבי שמעון איז אַמאָל געזעסן, און זיין זון רבי אלעזר איז געשטאַנען נעבן איהם און ער האָט איהם געזאָגט סודות התורה. זייער פּנים האָט געלויכטן אַזוי ווי די זון, און זייערע ווערטער זענען אַרויפגעגאַנגען ביז'ן הימל. אַזוי זענען זיי געזעסן אין משך פון צוויי גאַנצע טעג, זיי האָבן נישט געגעסן און נישט געטרינקען, און האָבן נישט געוואוסט אויב עס איז טאָג, אָדער נאַכט. ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט, האָט רבי שמעון זיך אָנגערופן, זאָגנדיג דעם פּסוק (שמות לד, כח) "ויהי שם עם ה' ארבעים יום וארבעים לילה, לחם לא אכל ומים לא שתה".

שפּעטער, ווען רבי חייא האָט דערציילט די דאָזיגע מעשה פאַר רבי, האָט רבי זיך זייער געוואונדערט דערויף. האָט זיין טאַטע, רבי שמעון בן גמליאל, געזאָגט צו רבי: "מיין קינד, רבי שמעון בן יוחאי איז דאָך אַ לייב. אויך זיין זון רבי אלעזר איז אַ לייב, און רבי שמעון איז נישט אַזוי ווי אַנדערע לייבן, נאָר וועגן איהם זאָגט דער פּסוק (עמוס ג, ח) "אריה שאג מי לא יירא". מה דאָך די אויבערשטע וועלטן ציטערן פון איהם, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז מיר דאַרפן ציטערן פאַר איהם. אַ מענטש וואָס האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט גוזר תענית זיין אויף דעם וואָס ער האָט געבעטן, נאָר ער איז גוזר און דער אויבערשטער איז מקיים זיין גזירה, דער אויבערשטער איז גוזר אַ גזירה, און ער - רשב"י - מאַכט עס בטל.

מיט'ן קטורת כדי בטל צו מאַכן די מגיפה, אָבער רשב"י האָט עס געטוהן בלויז מיט זיין דיבור[לג].

**די** שיטה פון רשב"י איז דאָך, אַז די שפע וואָס קומט אין זכות פונעם צדיק, האָט אַ קיום אויף אייביג, ווי עס שטייט אין ספרי (פרשת עקב, פיסקא לח) לגבי די ברכה וואָס די צדיקים ברענגען מיט זיך איבעראַל וואו זיי גייען, ווען יעקב איז געקומען צו לבן, איז אין זיין זכות געקומען אַ ברכה אין הויז פון לבן... ווען יוסף איז געקומען צו פוטיפר, איז פוטיפר געבענטשט געוואָרן אין יוסף'ס זכות... ווען יעקב איז געגאַנגען צו פרעה, איז געקומען די ברכה אויף פרעה. אין וואָס איז באַשטאַנען די ברכה? אַז די הונגער יאָרן האָבן זיך אויפגעהערט פאַר די צייט. זאָגט דער תנא קמא, אַז נאָך דעם ווי יעקב אבינו ע"ה איז נסתלק געוואָרן זענען די הונגער יאָרן צוריקגעקומען ביז זייער צייט איז ערפילט געוואָרן (זיבן יאָר), אָבער דער תנא רבי שמעון בן יוחאי זאָגט, "אין זה קידוש השם" - עס איז נישט אַ קידוש השם, אַז די ברכות פון די צדיקים זענען דאָ ביי זייער לעבן און נאָך זייער הסתלקות זאָלן זיי בטל ווערן, נאָר וואָס דען, די שפע וואָס קומט דורך דעם צדיק, "קיים לעד ולעולמי עולמים" - האָט אַ קיום אויף אייביג[לד].

**עס** איז באַקאַנט וואָס עס שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (קו: קז.) "מי שיש לו אמונה ברשב"י, יש לו חיזוק ברשב"י" - דער מענטש וואָס גלייבט אין דעם כח פון רבי שמעון בר יוחאי, שעפּט חיזוק פון רשב"י. "כשם שהשם יתברך הוא ה' לכל, כך רשב"י הוא רשב"י לכל[לה], אפילו לפחותים" - פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער איז דער באַשעפער פאַר אַלע

---

**לג.** די וועלט פרעגט, פאַרוואָס אין טאָג פון דער הסתלקות פון משה רבינו ע"ה (ז' אדר) פאַסט מען און מען פירט זיך באבילות, אָבער אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, דער טאָג פון דער הסתלקות פון רבי שמעון בר יוחאי, פראַוועט מיר אַ טאָג פון שמחה (דער פשוט'ער תירוץ איז, ווייל ווען משה רבינו ע"ה איז נפטר געוואָרן זענען פאַרגעסן געוואָרן אַסאַך הלכות, אָבער אין ל"ג בעומר האָט רשב"י באַלויכטן די גאַנצע וועלט מיט דער התגלות פונעם 'אדרא קדישא', צוליב דעם איז עס אַ יום טוב).

זאָגן די ספרים, לויט ווי מיר רעדן דאָ אַז רבי שמעון האָט קיינמאָל נישט געדאַרפט גוזר-תענית זיין אַז מ'זאָל נאָכגעבן זיינע בקשות און תפילות, נאָר ער האָט בטל געמאַכט אַלע גזירות בלויז מיט אַ וואָרט פון זיין הייליגן מויל (אַנדערש ווי אַנדערע צדיקים - אויך משה רבינו - וועלכע האָבן געדאַרפט פאַסטן כדי אַראָפּנעמען שווערע גזירות פון די קעפּ פון אידישע קינדער), דעריבער פאַסט מען נישט אין טאָג פון זיין הילולא, ווייל דער צדיק רבי שמעון האָט דאָך קיינמאָל נישט געדאַרפט פאַסטן בטל צו מאַכן אַ גזירה. אדרבה, מיט דעם וואָס מיר פרייען זיך אין דעם הייליגן טאָג ל"ג בעומר, וועלן מיר זוכה זיין צו פועל'ן אַלע ישועות.

**לד.** ממילא, דאַרפן מיר אויסשרייען פון טיפן האַרצן: רבי שמעון! דו ווייסט דאָך אַלע 'באַהעלטענישן' אין אונזערע צובראָכענע הערצער. אַלע זאַכן וואָס דריקן אויפ'ן האַרץ, דו ווייסט דאָך פון אַלע שלעכטע גזירות רח"ל וואָס דער מענטש ווייסט אַפילו נישט צו בעטן דערויף אַז עס זאָל נישט קומען. זאָלן דיינע ווערטער ברענגען די ריכטיגע פירות, לעד ולעולמי עולמים, און מאַך בטל אַלע גזירות.

פאַרצייטישע חסידים פלעגן טאַקע זאָגן, "ביטל 'כל' הגזירות" - רבי שמעון האָט בטל געמאַכט אַלע גזירות - אנשטאט "ביטל כמה גזירות".

די ספרים טייטשן די ווערטער וואָס מיר זאָגן אין "שמונה עשרה", אין די תפילות פון די ימים נוראים, "עוד יזכור לנו אהבת איתן אדונינו". מיר צילן מעורר רחמים צו זיין אין הימל, אַז פונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער געדענקט שטענדיג די ליבשאַפט פון אברהם אבינו ע"ה, צו העלפן זיינע קינדער נאָך איהם, אַזוי "עוד" יזכור לנו, זאָל ער אונז געדענקען "נאָך", און ער זאָל אונז העלפן אויך היינט. דאָס זעלבע שרייען מיר אויס, "עוד יזכור לנו רבי שמעון קדישא", דו האָסט דאָך שוין גע'פועל'ט גרויסע ישועות פאַר אידישע קינדער במשך טויזנטער יאָרן, ביז'ן היינטיגן טאָג, ווי מיר האָבן געהערט פון אונזערע אבות, און אַליין געהערט אויך פון היינטיגע ניסים אין דיין זכות, בעטן מיר דיך, "עוד יזכור לנו", אויך היינט, זאָל ער פאַרזעצן ווייטער צו העלפן אידישע קינדער מיט זיין גרויסן הייליגן זכות.

**לה.** עס ווערט געבראַנגט בדרך מליצה, אַ הוספה אויף די אויבן-דערמאַנטע ווערטער פונעם "בית אהרן", ווייל עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט אויפ'ן פסוק "טוב ה' לכל", אַז צו "אַלעם" (צו אַלע צרות ח"ו) איז גוט צו ווענדן זיך צו

באַשעפעניש, אַזוי איז רבי שמעון בר יוחאי פאַר אַלעמען, אַפילו פאַר מענטשן וואָס שטייען אויף אַ נידעריגע מדרגה.

**פון** דעם קומט אויס, אַז יעדער מענטש, אין וועלכן אָרט, און אין וועלכן מצב ער זאָל זיך נאָר נישט געפינען, קען ער באַקומען חיזוק פון דעם הייליגן כח פון דעם תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי. ספּעציעל אויב ער איז מקיים דעם אָנהייב פון די דערמאַנטע ווערטער פונעם "בית אהרן": "מי שיש לו אמונה ברשב"י, יש לו חיזוק ברשב"י". דאָס איז גילטיג סיי בכלל, סיי בפרט, אין דעם טאָג דאַרף מען זיך פרייען מיט'ן כח פון רבי שמעון, און אַזוי ווערט נשפע אַ גרויסע שפע אויפ'ן מענטש.

### עולו והתכנשו - זיין ל"ג בעומר ביים הייליגן ציון אין מירון

**אור** צדיקים ישמח - גאר גרויס איז דער שמחה אין 'אתרא קדישא'[לו], אין דעם הייליגן אָרט אין מירון[לז], ווי הרה"ק בעל 'בני יששכר' זי"ע שרייבט (חודש אייר,

---

דעם אויבערשטען... לויט דעם קען מען זאָגן אויך לגבי רבי שמעון בר יוחאי: "רשב"י לכל" - פאַר יעדע בקשה וואָס מ'בעט, איז גוט צו קומען צום הייליגן "ציון" פון תנא האלקי רשב"י און מתפלל זיין אַז אין זיין זכות זאָל מען געהאָלפן ווערן פון הימל.

**לו.** פריערדיגע צדיקים האָבן געזאָגט, אַז יעדער איינער וואָס איז זוכה צו קומען קיין מירון, איז עס אַ סימן אַז רבי שמעון האָט איהם איינגעלאַדנט צו זיך.

מיר ווייסן אַ מעשה פון אַ יונגערמאַן, וואָס איז אַמאָל געפאָרן מיט זיין גאַנצע משפחה צו פאַרברענגען אַ שבת אין מירון מיט רבי שמעון. זייענדיג דאָרט, איז עפּעס פאָרגעקומען צווישן דעם פּאָרפאָלק, און דער יונגערמאַן האָט געזאָגט פאַר זיין בני בית, "זעהסטו, פאַר דעם געלט און די האָרעוואַניע וואָס מיר האָבן אַריינגעלייגט אין דעם שבת, האָבן מיר שוין געקענט פאַרברענגען דעם שבת אין אַ האָטעל"... (און ער האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון יענעם האָטעל), ווי איינער זאָגט, "איך האָב זיך באַנאַרישט אַז איך האָב איינגעשטימט צו קומען דאָ אַהער, פאַר אַזאַ טייערן פרייז"...

למעשה, זינט יענעם טאָג, האָט דער יונגערמאַן מער קיינמאָל נישט באַוויזן צו קומען קיין מירון. יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואָלט פאָרן, האָט זיך איהם געמאַכט אַן אַנדערער עיכוב און סיבה נישט צו קענען פאָרן. אַפילו ווען ער האָט געוואָלט מאַכן די "חאַלאַקע" פאַר זיין דריי-יעריג יונגל, האָט דאָס קינד פּלוצלינג נישט גוט געפילט, און מ'האָט נישט געקענט פאָרן קיין מירון. אַזוי איז געוואָרן טאָג נאָך טאָג, חודש נאָך חודש - פאַרשידענע מניעות און עיכובים האָבן זיך געמאַכט יעדעס מאָל ווען ער האָט געוואָלט פאָרן קיין מירון. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען דריי גאַנצע יאָר. אין אַ געוויסן אָוונט, זאָגט איהם זיין בני בית:

- צו נעמסטו אין אַכט דעם פאַקט, אַז זינט יענעם שבת (ווען דו האָסט געזאָגט אַז מ'האָט געדאַרפט פאָרן אין אַ האָטעל, ענדערש ווי קיין מירון...) האַלט מען דיך צוריק פון הימל, אַז דו זאָלסט נישט קענען איבערטרעטן די שוועל פון דעם "ציון" אין מירון... עס זעהט דאָך עפּעס אויס ווי דער הייליגער תנא רשב"י שטייט און זאָגט דיר: "דו האָסט נישט געוואָלט, זאָלסטו טאַקע נישט קומען אַהער...".

דער יונגערמאַן, וועלכער איז פאָרט אַן ערליכער, אַ ירא וחרד לדבר ה', האָט פאַרשטאַנען אַז "יש דברים בגו" - עפּעס שטעקט דאָ אין דעם וואָס עס קומען איהם כסדר אונטער שטערונגען צו פאָרן קיין מירון, האָט זיך באַרעכנט, דער "בית אהרן" זאָגט דאָך אַז "רשב"י לכל, אַפילו לפחותים", נו, און איך, בין דאָך אַפילו אַ "פחות" אויך נישט... ער האָט נישט לאַנג געטראַכט. ער האָט זיך פאַרשפאַרט אין אַ צימער, און זיך גענומען וויינען פאַר'ן באַשעפער אַז ער זאָל איהם מוחל זיין דעם פגם און די נאַרישע רייד וואָס ער האָט דעמאָלטס געלאָזט הערן כביכול קעגן פאָרן קיין מירון...

אַזוי ווי ער איז אַרויסגעקומען פון צימער, און האָט אָפּגעווישט די אויגן אַז קיינער זאָל נישט זעהן די איבערבלייבענישן פון זיינע טרערן, האָט זיינער אַ שכן געקלאַפּט אויף דער טיר, און ווען ער האָט געעפענט די טיר, האָט דער שכן איהם געזאָגט:

- מיין טייערער שכן, איך וויל דיר בעטן אַנטשולדיגונג פאַר דעם וואָס איך קלאַפּ אויף דיין טיר אינמיטן נאַכט. אויך בעט איך דיך מחילה פאַר דער מאָדנער בקשה וואָס איך האָב צו דיר... אָט האָב איך היינט געקויפט אַ נייע

מאמר ג, אות ג) אַז עס איז 'נתאמת' געוואָרן פון 'אנשי אמת', אַז די שמחה אין דעם טאָג ל"ג בעומר, ביים ציון פון רשב"י, איז 'שלא בטבע'[לח].

**אין** זוהר הקדוש (האזינו, אידרא זוטא, רצו:) ווערט געשילדערט דער גאַנצער סדר פון די לויה פון רבי שמעון בר יוחאי, אַז אין דער צייט ווען מ'האָט באַגלייט די מידה פון רבי שמעון בר יוחאי, איז מען אַדורכגעגאַנגען דעם דאָרף 'ציפרי' וואָס איז נעבן מירון, און די מענטשן פון 'ציפרי' האָבן נישט געוואָלט צולאָזן מ'זאָל אַוועקפירן די מיטה פון דאָרט, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז רבי שמעון זאָל נטמן ווערן אין זייער שטאָט. זענען די מענטשן פון ציפרי געשטאַנען מיט שטעקנס אין זייערע הענט פון איין זייט, און די מענטשן פון מירון זענען

---

"קאר" און איך האָב לכתחילה צוגעזאָגט אַז די ערשטע 'נסיעה' וואָס כ'וועל מאַכן מיט'ן קאַר, וועט זיין קיין מירון... יעצט בין איך אָבער זייער מיד, און כ'האָב מורא זיך אַרויסצולאָזן אין וועג אַזוי שפעט ביינאַכט אַליין מיט'ן אויטאָ, אפשר וועסטו מיטקומען מיט מיר אויפ'ן וועג...

ממש וואונדער איבער וואונדער, ווי דער שכן איז געווען ווי אַ "מלאך" וואָס איז געשיקט געוואָרן פון הימל אין זכות פון דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי... אין דער מינוט ווען ער האָט זיך באַרעכנט איבער זיין נאַרישקייט דאַן, און האָט זיך אויסגעוויינט דעריבער, איז ער באַלד געהאָלפן געוואָרן פון הימל, און רבי שמעון האָט איהם געשיקט אַ "דריווער" צו ברענגען קיין מירון...

**לז.** הגה"ח רבי אליהו ראָטה זצ"ל, דער משמש בקודש פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע, האָט דערציילט, אַז איין יאָר, איידער ער איז געפאָרן קיין מירון ל"ג בעומר, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע געזאָגט צו רבי אליהו'ן, אַז ער וויל זיך אָפּרוהען אַביסל, און ווען אַלע וועלן זיין גרייט צו פאָרן, זאָל ער איהם לאָזן וויסן. עטליכע מינוט שפעטער, האָט ר' אלי' געזאָגט פאַר רבי שלמה'קע אַז דער עולם איז שוין גרייט צו פאָרן. אַריינקומענדיג אין צימער פון רבי שלמה'קע, האָט רבי אלי' באַמערקט אַז דער קישן און די קאָלדרע פון רבי שלמה'קע זענען דורכגעווייקט מיט טרערן וואס האָבן פריער גערינען פון זיינע הייליגע אויגן, און דאַן האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דער 'דרימל' איז געווען...

אין דער מינוט וואָס הרה"ק רבי שלמה'קע איז אַרויפגעקומען אויפ'ן באָס צו פאָרן קיין מירון, האָט ער אָנגעהויבן מעורר זיין דעם עולם צו זיין בשמחה אין דעם הייליגן טאָג. אינמיטן וועגן, האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע 'מרגיש געווען' אַז רבי אלי' פאַסט אין דעם טאָג, און ער האָט איהם באַפוילן אָפּצושטעלן דעם תענית תיכף ומיד, ווייל אין דעם טאָג ווען מ'פאָרט צו רשב"י איז אַ פרייליכער טאָג, 'זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו'.

**לח.** אַזוי שרייבט דער מהרי"ל פון פלטישאַן (אָנהייב פון זיין ספר שאלות ותשובות מהרי"ל, געדרוקט אין יאָר תרל"ג): 'איך האָב אויך זוכה געווען צו זיין אין מירון ל"ג בעומר. מיינע ברידער און מיינע פריינט, איך קען נישט שילדערן אויפ'ן פּאַפּיר די גרויסע שמחה וואָס האָט דאָרט געהערשט. וואויל זענען פאַר די אויגן וואָס האָבן דאָס געזעהן... און דער וואָס איז אין מירון, שפירט בחוש אַז די שמחה איז מיט'ן כח פון רשב"י, וואָס ער וויל עס זאָל הערשן משתה ושמחה אין דעם טאָג.

מ'זעהט דאָך ווי אידן טאַנצן און פרייען זיך איינער מיט'ן אַנדערן אין מירון, נישט קוקנדיג איינער אויפ'ן מהות פונעם אַנדערן, און אויך מיט די מענטשן וואָס אין משך פון גאַנצן יאָר איז מען נישט געקומען מיט זיי אין באַריהרונג, נאָר 'כולם אהובים', אַלע פרייען זיך מיט די שמחה פון רבי שמעון בר יוחאי.

רבי אברהם רוזאניס זצ"ל, שילדערט די הילולא אין מירון אין יאָר תרכ"ז: ביז אינדערפרי, האָט מען נישט גערוט פון די גרויסע שמחה, טייל זענען געגאַנגען זיך אָפּרוהען, און אַנדערע זענען געקומען אנשטאט זיי. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען במשך פונעם גאַנצן טאָג, און די נאַכט דערנאָך. איך וועל נישט אַרויפלייגן אויף דיר אַ שווערן עול דיך צו לאָזן וויסן בפרטיות, און דיר צו ווייזן די פרייליכע מראות אין יעדע רגע און שעה, פאַרשידנאַרטיג. 'וכל מי שלא ראה שמחה זו, לא ראה שמחה מימיו'. איינער קלעבט זיך צו זיין ברודער, מ'זינגט הויך אויפ'ן קול, פון איין זייט שפרינגט מען און מ'טאַנצט, און די אַנדערע זינגער... טייל טרינקען און אַנדערע פּאַטשן מיט די הענט, מיט'ן גאַנצן כוח... איך ווייס נישט ווי אַזוי אָפּצושילדערן פאַר דיר די שמחה וואָס איך האָב דאַן געשפירט. עס האָט זיך מיר געדאַכט אַז משיח איז שוין געקומען, און אָט זעה איך ביי די שמחת בית השואבה אין ירושלים, די וואונדערבאַרע מראה, מיט מיינע אויגן.

געשטאַנען פון דער אַנדערער זייט און געשריגן אַז זיי ווילן האָבן רבי שמעון'ען ביי זיך.

**אינצווישן,** האָט די מיטה זיך אויפגעהויבן אין דער לופט און עס האָט געפלאַקערט אַ פייער אַרום די מיטה, און די מיטה איז אַליין געגאַנגען צו איר מקום מנוחה אין מירון. אין יענע מינוט, איז אַרויס אַ 'בת קול' פון הימל און האָט אויסגערופן: "עולו ואתו ואתכנשו להילולא דרבי שמעון" - קומט און פאַרזאַמלט זיך, זיך צו פרייען מיט די שמחה פון רבי שמעון.

**אויף** די דערמאַנטע מעשה, שרייבט הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל (אין ספר 'הילולא דרשב"י'), אַז ס'איז אויסער יעדן ספק, אַז ווען מ'זעהט די גרויסע שמחה וואָס הערשט ביים הייליגן ציון אין מירון, איז אונז קלאָר אַז ביז'ן היינטיגן טאָג, יעדעס יאָר ל"ג בעומר, גייט אַריין יענער 'בת קול' אין האַרץ פון יעדן איד, אַז מ'זאָל אַרויפגיין און זיך פאַרזאַמלען ביי מקום מנוחת קדשו פון רשב"י, און זיך פרייען מיט די שמחה פון "פני האדון ה'", אין טאָג פון זיין שמחה[לט].

**דער** של"ה הקדוש שרייבט אין איינע פון זיינע בריוון, אַז ביי דעם ציון פון דעם הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי[מ] - "על מקום אש להבת שלהבת"[מא] - לערנט מען דעם זוהר מיט מורא און פאָרכט און מיט גרויס דביקות, ווייל אַסאַך ניסים פאַסירן דאָרט[מב].

---

**לט.** עס האָט מיר דערציילט איינער פון די בעלי העובדא, וואָס האָט זוכה געווען צו פירן קיין מירון דעם באַקאַנטן פאַרצייטישן חסיד, הגה"ח רבי שמחה'לע מונד זצ"ל, וועלכער פלעגט אַלע יאָרן ל"ג בעומר פאָרן קיין מירון. אויך ווען ער איז שוין געווען אין טיפן עלטער פון ניינציג יאָר, האָט ער קיינמאָל נישט מוותר געווען אויף די נסיעה קיין מירון. עטליכע יונגעלייט, האָבן באַוויליגט איהם צו באַגלייטן, כדי איהם צו העלפן מיט וואָס מ'דאַרף, במשך פון דעם לאַנגען וועג.

אַמאָל האָט עמיצער געפרעגט רבי שמחה'לען, עס איז דאָך אַזוי שווער פאַר אייך דער וועג און דאָס אַרויפגיין צופוס אויפ'ן באַרג, פאַרוואָס פאָרט איר נישט ענדערש אין אַן אַנדערן טאָג, ווען ס'איז נישט אַזוי שווער, און מ'קען אַרויפפאָרן מיט אַ קאַר ביז'ן ציון? האָט רבי שמחה געענטפערט:

- ס'איז אַ גרויסער חילוק צווישן דאָס אַרויפגיין צום הייליגן ציון אַ גאַנץ יאָר, און ל"ג בעומר. די וועלט פירט זיך, ווען עמיצער קומט צו אַן עושר נאָך געלט פאַר צדקה, וועט דער גביר זיך אַוועקזעצן ביים טיש און ער וועט איבערלייענען אַלע "המלצה-בריוו" וואָס געפינען זיך אין די הענט פונעם משולח, און ערשט דערנאָך וועט ער באַשליסן צי די בקשה איז גענוג וויכטיג פאַר איהם, אַז ער זאָל געבן דערפאַר אַ שיינע נתינה. דאָס איז אָבער געזאָגט געוואָרן נאָר דעמאָלס ווען מ'קומט צו איהם אַהיים נאָך אַ נדבה, אָבער ווען דער עושר מאַכט חתונה זיין קינד, טיילט ער געלט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר יעדן איינעם וואָס בעט ביי איהם אַ נדבה, און ער קוקט נישט נאָך דעם מקבל, ווייל יעצט איז דאָך דער טאָג פון זיין שמחה, ווען ער מאַכט חתונה אַ קינד בשעה טובה ומוצלחת.

- דאָס זעלבע איז מיט'ן הייליגן תנא רשב"י - האָט רבי שמחה'לע מונד פאַרגעזעצט. - ל"ג בעומר, איז דער טאָג פון זיין 'חתונה', און ער שטייט און איז משפיע אויף אַלע וואָס באַטייליגן זיך אין זיין 'חתונה', מיט אַ ברייטער האַנט, אַ שפע ברכה והצלחה און אַלעם גוטן. ער 'קאָנטראָלירט' נישט צו יעדן איינעמ'ס 'ציצית' צי זיי זענען 'כשר'... ער איז משפיע השפעות טובות אָן אַ גרעניץ, און ממילא, קענט איר פאַרשטיין פאַרוואָס איך בין זיך אַזוי שטאַרק מטריח צו פאָרן דייקא אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר.

מ'האָט אַמאָל געפרעגט אַ ירושלימ'ער איד, ווען ער פאָרט צו פראַווען ל"ג בעומר אין מירון. האָט דער איד געענטפערט: "פונעם 'קבלת פנים', ביז נאָכ'ן 'מצוה טאַנץ'... אַזוי ווי ביי די שמחות פון מיינע קרובים".

**מ.** ווען דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זי"ע, האָט באַזוכט אין ארץ ישראל (אין יאָר תרצ"ב), איז ער אַרויפגעגאַנגען צום הייליגן ציון הרשב"י אין מירון, אין באַגלייטונג פון זיינע מקורבים, הגה"צ רבי אשר זעליג מרגליות זצ"ל, פון זיין רעכטע זייט, און דער משב"ק הרה"ח רבי חיים בער גרינפעלד ז"ל, פון די לינקע זייט. אינמיטן וועג, איז אַ געוויסער פאַרשוין צוגעקומען, און איבערגעגעבן אַ צעטל אין דער האַנט פון ר' חיים בער. ווען ער האָט געעפנט דאָס צעטל און עס איבערגעלייענט, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון שרעק, ווייל אויפ'ן צעטל איז געווען געשריבן, אַז אויב דער מונקאַטשער רב וועט וואַגן אַריינצוקומען אין דער מערה פון רשב"י, איז "אחת דתו" רח"ל (ווי באַקאַנט, איז דער מונקאַטשער רב געווען פון די גרויסע לוחמי מלחמות ה' ברמה, און די 'פרייע' האָבן איהם פיינט

**דערנאך** זאל דאס הארץ זיך פרייען מיט אַ רוחניות'דיגע שמחה, אָן קיין שום טרויעריגקייט.

חפץ רשב"י" - ווייל אין די זאַכן, גליסט רבי שמעון בר יוחאי. "כי באלה והוא בדוק ומנוסה". "ואחר כך נודרים נדרים

---

געהאַט, און האָבן אַפילו געוואָלט איהם אומברענגען רח"ל). **אויך רבי אשר זעליג מרגליות האָט זיך זייער דערשראָקן** (ווייל אויך האָט אויך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז נישט סתם אַ דראָאונג, נאָר אַז די 'פרייע' חברה זענען עלול חלילה צו 'האַלטן וואָרט'), **און האָבן זיך** געפונען אין אַ שטאַרקע פאַרלעגנהייט. ווען דער מונקאַטשער רב האָט באַמערקט אַז זיי זענען צוטראָגן, האָט ער זיי געפרעגט די סיבה דערפאַר, און זיי האָבן איהם געוויזן דאָס צעטל וואָס ר' חיים בער האָט באַקומען פון אַ פאַרשוין דאָ אויפ'ן באַרג. האָט דער מונקאַטשער רב זיי באַרואיגט, און געזאָגט:

- מיר גייען דאָך אַריין צו רבי שמעון'ען. וויסן זאָלט איר, אַז דער מלאך המוות האָט נישט קיין שליטה דאָ, אין דעם אָרט פון רבי שמעון.

**מא.** בכלל, האָבן קברי צדיקים אַ גרויסן כח אַז מ'קען דאָרט אויס'פועל'ן אַלע נויטיגע ישועות. דאָס קען מען זעהן פון די ווערטער פון חז"ל (סוטה יד. לויט די הוספות פון הגהות הב"ח, אות א') אַז דער קבר פון משה רבינו ע"ה איז באַהאַלטן פון די אויגן פון מענטשן, ווייל עס איז געווען אַנטפּלעקט פאַר דעם אויבערשטען ברוך הוא, אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערן און די אידן וועלן פאַרטריבן ווערן פון זייער לאַנד ארץ ישראל, און אויב זיי וועלן דעמאָלס גיין צו משה'ס קבר און וויינען און זיך בעטן ביי איהם, און זיי וועלן איהם זאָגן, "משה רבינו, עמוד בתפילה בעדינו", שטעל דיך אַוועק דאַוונענען פאַר אונז, און משה וועט בטל מאַכן די גזירה, ווייל צדיקים זענען באַליבט ביי דעם אויבערשטען ביי זייער טויט נאָך מער ווי ביי זייער לעבן. זעהט פון דאָ דעם גרויסן כח פון אַ תפילה אויפ'ן קבר פונעם צדיק, אַז עס קומט נישט צוריק ליידיג, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך חושש געווען דערפאַר און דעריבער האָט ער געדאַרפט באַהאַלטן דאָס אָרט וואו משה רבינו ע"ה איז נטמן געוואָרן...

הרה"ק בעל "צמח צדק" זי"ע פלעגט זאָגן, מרו"ן (אָן אַ יו"ד) איז ראשי תיבות מ'לך ר'ופא נ'אמן ו'רחמן (לוח 'היום יום'. דעם זעלבן רמז, שרייבט אויך דער גאון רבי שלמה זלמן ערענרייך זצ"ל הי"ד אבד"ק שאמלוי, 'אגרות לחם שלמה', אגרת צג).

אַ ירושלימ'ער איד האָט מזכיר געווען פאַר הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע מלעלוב, זיין זון וואָס איז געווען נישט געזונט ל"ע. האָט הרה"ק רבי דוד'ל איהם געזאָגט ער זאָל פאָרן קיין מירון, און ער וועט דאָרט פועל'ן אַ ישועה ביים ציון פון הייליגן תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי. האָט דער איד געזאָגט, אַז ער איז שוין געווען אין מירון. האָט רבי דוד'ל איהם געזאָגט:

- נו, פאַר נאָך אַמאָל... צי דען, איינער וואָס איז געווען ביים דאָקטאָר און איז נישט אויסגעהיילט געוואָרן, גייט ער דען נישט נאָך אַמאָל צום דאָקטאָר? ער גייט אַזוי פיל מאָל, ביז ער ווערט אויסגעהיילט...

ווען הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד פון קאַרלין, איז געווען ביים הייליגן ציון אין מירון, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קוויטלעך פון די חסידים, זאָגנדיג: "דאָ, קען יעדער יחיד אַליין בעטן פאַר זיך און פאַר די בני בית".

אויך האָט ער געזאָגט, אַז נאָך דעם ווי מ'איז זיך משתטח ביים הייליגן ציון אין מירון, זאָל מען נישט פאָרן צו קיין אַנדער מקומות הקדושים, ווייל אין מירון לאָזט מען איבער דאָס גאַנצע 'פעקל' מיט צרות, און אויב דער מענטש גייט אַרויס פון רבי שמעון'ס 'ציון' מיט דעם געפיל אַז ער טראָגט נאָך די לאַסט פון זיינע צרות, איז עס אַ סימן אַז ער איז בכלל נישט געווען ביי רבי שמעון...

מיט אט די צוויי הנהגות (נישט צו נעמען קוויטלעך אין מירון, און אַז מ'זאָל נישט פאָרן פון דאָרט צו אַן אַנדערן 'ציון'), האָט זיך אויך געפירט זיין תלמיד, אא"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע.

מ'זאָגט על דרך צחות, אַז די פילע שטיינדלעך וואָס ליגן אויפ'ן באַרג ווען מ'קומט אַרויף צום 'ציון' אין מירון, זענען די גרויסע און פעסטע 'שטיינער' וואָס האָבן זיך אַראָפּגעקייקעלט פון אידישע הערצער, אין אתרא קדישא מירון...

**מב.** די ספרים ברענגען ("מסע מירון", עמוד קיא, ועוד), אַ מורא'דיגע מעשה אין נאָמען פון רבי יוסף סופר ז"ל, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין דער הייליגער שטאָט צפת אין יאָר תקכ"ב, וואָס ער שרייבט, אַז ווען עס האָט פּאַסירט די שרעקליכע ערד-ציטערניש אין צפת און אין מירון אין חודש חשון תקכ"ב, זענען אַלע אַראַבער וואָס האָבן געוואוינט אין יענע ערטער, געקומען צום בנין פון רשב"י ז"ל, און די טיר איז געווען פאַרמאַכט (לויט ווי עס ווערט

ונדבות[מג], ומתפללים[מד] תפילות"[מה] - און דערנאָך גיט מען נדרים און נדבות, און מ'איז מתפלל תפילות (געדרוקט

---

דאָרט געשילדערט, איז דער בנין פונעם הייליגן ציון אין מירון געווען געשפּאַרט, ווייל ווייניג אידן האָבן דעמאָלס געוואוינט דאָרט. דער שליסל האָט זיך געפונען ביים שמש וואָס האָט געוואוינט אין צפת, און ווען עמיצער האָט געוואָלט פאָרן צום ציון, האָט מען איהם באַצאָלט און ער האָט עס געעפנט). האָבן די אַראַבער זיך צעשריגן: "רבי שמעון, רבי שמעון, וויבאַלד דו ביזט אַ גרויסער און חשוב'ער מענטש אויף דער וועלט, און מיר האָבן אויך געהערט פון אונזערע עלטערן וועגן דיין גרויסקייט, און אויך אין אונזערע אויגן ביסטו חשוב, עפן די טיר"... און די טיר האָט זיך באַלד געעפנט פון זיך אַליין, און זיי זענען אַלע אַריינגעגאַנגען אינעווייניג. זיי זענען טאַקע אַלע געראַטעוועט געוואָרן, זיי און זייערע בני בית, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום שאָדן.

ווייטער ברענגען זיי אין נאָמען פון רבי יוסף סופר, אַז ווען עס האָט פּאַסירט אַ צווייטע ערד ציטערניש (אין דעם טאָג פון ו' כסלו) זענען אַלע - אידן און להבדיל אַראַבער - אַנטלאָפן צום 'ציון' פון רשב"י ז"ל, אַזוי ווי ביים ערשטן מאָל, און ווען זיי זענען אָנגעקומען נאָנט צום אָרט, האָבן אַלע געזעהן ווי דער גאַנצער בנין האָט זיך אויפגעהויבן הויך אין דער לופט, און איז געשפּרינגען אין דער לופט אַזוי ווי אַ מענטש, אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף. און די 'כיפה' (דער דאַך) אויפ'ן בנין האָט זיך צעטיילט אויף צוויי. ווען זיי האָבן דאָס געזעהן, האָט זיי באַפאַלן אַ גרויסע ציטערניש, און זיי האָבן אַלע אָנגעהויבן שרייען: "רבי שמעון, רבי שמעון, אויב דיין בנין איז אַזוי, איז וואָס וועט זיין אונזער סוף"... דאָס האָט אַזוי געדויערט מער ווי אַ האַלבע שעה, און דערנאָך האָט די ערד זיך באַרואיגט, און דער בנין האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף זיין אָרט. די 'כיפה' העכער די מערה איז צוריק באַהאָפטן געוואָרן צו זיין איין שטיק, און עס האָט נישט פּאַסירט אַ שאָדן. די מענטשן וואָס זענען אַהין געקומען, האָבן געזעהן דעם גרויסן נס אין דעם בנין, אינדרויסן און אינעווייניג, און זיי האָבן געקוקט צו זעהן אויב עס איז געבליבן עפּעס אַ צייכן אָדער אַ קריץ אין דער געביידע, אָבער זיי האָבן נישט געפונען קיין צייכן אין דער מויער, אַלעס איז געבליבן אַזוי ווי פריער, עכ"ל.

זעהען מיר קלאָר פון דער געשיכטע, אַז דאָס הייליגע אָרט, מקום מנוחת התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי, איז אינגאַנצן נישט "משועבד" צו די "געזעצן" פון דער נאַטור, און אויב די גאַנצע מציאות פונעם בנין אויפ'ן ציון איז העכער פון דער נאַטור פון דער וועלט, איז דאָך אַוודאי אַז די אַלע אידן וואָס קומען אַהין מתפלל זיין, וועלן אַוודאי זוכה זיין צו אַ ישועה מחוץ לגדרי הטבע, און זיי וועלן געהאָלפן ווערן מיט אַלע ישועות און ברכות עד בלי די.

נאָך מער: אויב עס האָבן פּאַסירט אַזעלכע גרויסע ניסים מיט די אַראַבער, די "ישמעאלים", איז דאָך אַוודאי געוויס אַז אידישע קינדער זענען זוכה דאָרט צו גרויסע ישועות, און אויך איינער וואָס איז פון די "פּחותים" חלילה, איז דאָך פשוט אַז ער איז פיל מער, און ער שטייט אויף אַ העכערע מדריגה ווי דער ערל, דער "פּחות שבפּחותים"...

**מג.** מ'קען אפלערנען אין דעם הייליגן לשון פונעם של"ה, "נודרים נדרים", אַז דאָס מיינט מען נישט נאָר סתם נדרים און נדבות מיט געלט... נאָר גוטע קבלות אין אַלגעמיין. דורך נעמען אויף זיך גוטע קבלות, ווערט מען אַ "כלי" מקבל צו זיין די ברכה פון רבי שמעון בר יוחאי לטוב לו כל הימים.

אין יאָר תשע"ד האָט פּאַסירט אַ מעשה ביי אַ משפחה אין ארץ ישראל, וואָס זייער זון איז געווען אַן עלטערער בחור. ער איז שוין אָנגעקומען, ווי מ'זאָגט, צום "פרק" פון "האיש מקדש", אָבער עס האָט זיך נישט געזעהן ווען ער וועט שוין קענען מאַכן אַ "סיום" אויף דעם גרויסן "פרק"...

ל"ג בעומר, איז די מאמע פונעם בחור געפאָרן קיין מירון, זיך אויסצואווייינען ביים ציון הרשב"י אַז דער באַשעפער זאָל שוין רחמנות האָבן און שיקן אַ ישועה פאַר די משפחה. אויפ'ן וועג, האָט זי גערעדט אויפ'ן "סעלפאון" מיט איר מאַן, און זי האָט געזאָגט צו איר מאַן, אַז זי האָט זיך לעצטענס דערמאנט, אַז איידער זייער זון, דער עלטערער בחור, איז געבוירן געוואָרן, האָט זי צוגעזאָגט ביים ציון פון רשב"י אַז זי וועט אַ נאָמען געבן פאַר דעם ניי-געבוירענעם יונגעלע שמעון, אויף זיין הייליגן נאָמען (אַלס אַ וואונדערליכע סגולה געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער, וואָס ווערט דערמאנט אין ספר "שבחין דרשב"י", עמוד ה'), אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט מען בשעת די שמחה פונעם ברית, פאַרגעסן דערפון, און מ'האָט איהם אַ נאָמען געגעבן "זעליג", און ווער ווייסט - האָט זי אויסגעפירט אינעם טעלעפאָן-געשפרעך מיט איר מאַן - צו דאָס איז נישט די סיבה וואָס האַלט צוריק זייער זון פון טרעפן זיין זיווג...

דער מאַן איז תיכף אַריבערגעאַנגען צו זיין רבי׳ן, איינער פון די חשוב׳ע רבנים אין ארה״ק, און דער רב האָט איהם געראטן, אַז ווען זיין בני בית וועט אָנקומען קיין מירון, זאָל זי דערמאנענען איר צוזאָג צו געבן פאַר זייער זון דעם נאָמען שמעון, און זי זאָל דאָרט זאָגן, אַז זיי גיבן-צו תיכף דעם נאָמען "שמעון", און זיי וועלן פון יעצט אָן, רופן זייער זון "שמעון זעליג", און כדי נישט אָנצומאַכן אַ טומל מיט אַ "קריאת השם", זאָל זייער זון קומענדיגן שבת, עולה זיין צו די תורה, און דאָרט זאָל דער גבאי פון שול איהם אויפרופן "יעמוד הבחור שמעון זעליג בן ...", און דערנאָך זאָל מען פאַר איהם מאַכן אַ "מי שברך", פאַר "הבחור שמעון זעליג...".

די פרוי האָט אַזוי געטוהן, זי האָט מיט הייסע טרערן געמאַכט די הבטחה אין מירון, און דעם קומענדיגן שבת, נאָך ל״ג בעומר, האָבן דער בחור אין זיין פאָטער געדאַוונט אין דער שול וואו זיי דאַוונען יעדע וואָך, און ביים לייענען, האָט מען טאַקע אויפגערופן דעם בחור, "יעמוד הבחור שמעון זעליג בן...". נאָכ׳ן דאַווענען, צוגעגאַנגען איינער פון די מתפללים צום גבאי, און איהם געפרעגט: "פאַרוואָס האָסטו אויפגערופן דעם בחור 'שמעון זעליג'? איך האָב ביז יעצט געוואוסט אַז ער הייסט נאָר 'זעליג'...". האָט דער גבאי איהם געפרעגט, "וואָס איז דיר דען אַ נפקא-מינה ווי אַזוי דער בחור הייסט? זיין פאָטער, האָט מיר געבעטן איך זאָל איהם אויפרופן 'יעמוד הבחור שמעון זעליג'...". האָט דער איד איהם געענטפערט, אַז ער האָט אַ טאָכטער וועלכע "שטייט אין שידוכים", און ער טראַכט שוין ביי זיך אַ לאַנגע צייט, אַזאַ בחור ווי דעם זעליג, וואָלט איך געוואָלט האָבן פאַר מיין טאָכטער, אָבער ער הייסט דאָך דעם זעלבן נאָמען ווי איך - זעליג... און מיר זענען מקפיד אויף די ווערטער פון רבי יהודה החסיד אין זיין צוואה (סי׳ כג) אַז מ׳זאָל נישט טוהן אַ שידוך פון "חתן וחמיו", ווען דער בחור און דער פאָטער פון דאָס מיידל, האָבן דעם זעלבן נאָמען. אָבער יעצט, אַז איך הער אַז דער בחור הייסט "שמעון זעליג", איז דאָך מעגליך כ׳זאָל נעמען דעם וואוילן בחור פאַר אַן איידים...

כך הוה... ביז געציילטע טעג - נאָך פאַר׳ן קומענדיגן שבת - איז דער בחור שמעון זעליג אַ חתן געוואָרן מיט דער טאָכטער פון דעם איד - וועלכער האָט לאַנגע יאָרן געדאַווענט מיט זיי אין דער זעלבער שול - ר׳ זעליג...

באמת, איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרן נאָר לגבי "שינוי השם", נאָר אויך לגבי "שינוי מעשה"... מ׳זאָל זיין אַ תלמיד פון רבי שמעון בן יוחאי דורך זיך אָנקלעבן אין זיינע הייליגע וועגן, ווי רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט (גיטין סז.) "שנו מידותי" - לערנט מיינע מידות, "הלכה למעשה"... און דאַן, וועט מען ממילא טראָגן זיין הייליגן נאָמען...

עס האָט אונז דערציילט דער בעל העובדא הי״ו, אַז עטליכע יאָר צוריק איז ער אַרעסטירט געוואָרן צוליב אַ פאַרלעצונג פונעם געזעץ, און האָט געוואַרט עטליכע וואָכן אויף זיין געריכטליכן אורטייל. ס׳איז איבעריג צו זאָגן, אַז זיין משפחה האָט געטוהן פאַרשידענע השתדלות׳ן אַז ער זאָל באַפרייט ווערן, אָבער אַלע עסקנים האָבן געזאָגט, אַז ווי עס ווייזט אויס, וועט ער דאַרפן זיצן אין טורמע אַמווייניגסטענס פיר וואָכן.

עס זענען דאַן געווען די טעג פון ספירה, און ווען עס איז געקומען די נאַכט פון ל״ג בעומר, האָט דער איד זיך דערמאנט אַז עס איז היינט די הייליגע הילולא פונעם תנא רשב״י, און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין איבער זיין שווערן מצב. ער האָט דאַן געמאַכט אַ נדר, אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם העלפן און ער וועט באַפרייט ווערן פון טורמע אין זכות פון הייליגן תנא רשב״י, וועט ער פאָרן קיין מירון צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר זיינע גרויסע חסדים.

און וואונדער איבער וואונדער: אַ קורצע צייט שפּעטער, איז פּלוצלינג אַריינגעקומען איינע פון די טורמע וועכטער און איהם באַפוילן איהם צו באַגלייטן. צו זיין גרויס שטוינונג, האָט מען איהם באַפרייט אויפ׳ן אָרט... ער איז תיכף אַהיים געפאָרן, אָבער ער האָט דאָרט נאָר איבערגעלאָזט זיינע זאַכן, און געמאָלדן פאַר די בני בית, אַז ער פאָרט קיין מירון... דאָס ווייב און די קינדער האָבן איהם פרובירט אָפּהאַלטן דערפון, ווייל ער איז דאָך מסתמא פאַרמאַטערט פון די שווערע איבערלעבענישן וואָס ער האָט מיטגעמאַכט אין די לעצטע וואָכן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט הערן דערפון, און געזאָגט אַז ער דאַרף מקיים זיין דעם נדר וואָס ער האָט געמאַכט אין תפיסה, אַז אויב ער וועט באַפרייט ווערן וועט ער תיכף ומיד פאָרן קיין מירון. ער איז טאַקע געפאָרן פרייליכערהייט קיין מירון, און פאַרברענגט ביים הייליגן ציון ביז מוצאי ל״ג בעומר, כדי צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר׳ן חסד וואָס ער האָט געטוהן מיט איהם.

**מד.** הרה״ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי״ע האָט געזאָגט, די וועלט פירט זיך, ווען אַ מענטש האָט אַ פּראָצעס אין געריכט, ווענדעט ער זיך באַלד צו אַ גוטן אַדוואָקאַט, אָבער ס׳איז נישט גענוג צו דינגען דעם אַדוואָקאַט, נאָר מ׳מוז איהם דערציילן "דברים כהוייתן" - גענוי אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט, וואָס, ווען, און וואו. נאָר דאַן

אין קובץ 'שומר ציון הנאמן', שנת תר״ג, גליון קמא, וואָס דער גאון בעל "ערוך לנר" האָט געדרוקט אין אלטונא, און ס'איז גענומען פון אַ העתקה כתב יד פונעם של״ה, פון בריוו פון זיין רייזע אין יאָר שפ״ח).

**וועד** איז דען גרעסער ווי דער הייליגער אריז״ל זי״ע, וואָס ער איז אַליין אַרויפגעגאַנגען צום הייליגן "ציון" אין מירון[מו], ווי הגה״ק רבי חיים וויטאַל זי״ע

---

קען דער אַדוואָקאַט פאַרלייגן זיינע טענות פאַר'ן שופט. דאָס זעלבע איז ביי רבי שמעון בר יוחאי. ער איז טאַקע אַ גרויסער "אַדוואָקאַט", און ער קען אונז אַלע באַפרייען פונעם דין, אָבער מיר דאַרפן פאַרלייגן פאַר איהם אַלע אונזערע בקשות, כדי ער זאָל קענען פועל'ן פאַר אונז אַלעס גוטס.

**מה.** עס ווערט געברענגט אין ספר "לולי תורתך" (מיט ענדערונגען), אַז ווען דער בריסקער רב הגאון רבי וועלוועלע זצ״ל איז געלעגן על ערש דוי ענדע זומער תשי״ט, האָט ער גערעדט וועגן די מעלה פון מתפלל זיין ביים ציון פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון, און ער האָט נאָכגעזאָגט וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן הגאון רבי חיים בריסקער זצ״ל, אַז ער האָט געזאָגט: "אין מירון ביי רבי שמעון, איז אַ גרויסער מקום תפילה".

אויך ברענגט ער דאָרט, אַז אין חודש הרחמים והסליחות פון יאָר תשי״ט, איז דער גאון רבי אלעזר מנחם שך זצ״ל, ראש ישיבת פּאָניעוועזש, געשטאַנען אַ גאַנצע וואָך ביים בעט פון בריסקער רב זצ״ל, און ער האָט געהערט פון איהם אַליין די בקשה (אַז מ'זאָל פאָרן קיין מירון מתפלל זיין פאַר זיין געזונט). האָט הרב שך זיך צוגעאיילט צו טוהן דעם רצון פון בריסקער רב זצ״ל, און ווען ער איז אַהיימגעקומען קיין בני ברק דאָנערשטאָג נאַכט, איז ער אַרויפגעגאַנגען צו די פּאָניעוועזשער ישיבה נאָכ'ן סדר פון לימוד מוסר און תפילת מעריב, און איז צוגעגאַנגען צו דעם גאון רבי יוסף ליס זצ״ל, און ער האָט איהם דערציילט אַז דער בריסקער רב האָט געבעטן מ'זאָל פאָרן קיין מירון מתפלל זיין פאַר זיין רפואה. האָט רבי יוסף ליס עס איבערגעגעבן פאַר הרה״ג רבי דוד פרענקל זצ״ל, און תיכף דערנאָך האָבן זיך צוזאַמענגענומען 14 גדולי תורה (איינער פון זיי איז געווען דער סטייפּעלער גאון זצ״ל, וועלכער האָט אויסגעדרוקט זיין שטאַרקן באַגער צו באַטייליגן זיך אין דער נסיעה קיין מירון), און זיי זענען צוזאַמען געפאָרן קיין מירון. זיי האָבן דאָרט אויסגעזאָגט צוזאַמען גאַנץ תהלים, און האָבן שטאַרק מפציר געווען בתחינה ובקשה אַז דער אויבערשטער זאָל זיך דערבאַרימען אויף דער שארית הפליטה, און איבערלאָזן צווישן זיי דעם גאון רבי וועלוועלע זצ״ל.

דעם קומענדיגן זונטאָג אינדערפרי, ווען הרב שך איז צוריקגעקומען קיין ירושלים און איז אַריבערגעגאַנגען צום הויז פון בריסקער רב, האָבן די אויגן פון בריסקער רב אויפגעלויכטן ביים איהם דערזעהן, און ער האָט איהם געפרעגט: "נו, איר זענט געווען ביי רבי שמעון?...". ווען הרב שך האָט געענטפערט אַז יאָ, און ער האָט געשילדערט פאַר'ן בריסקער רב די גאַנצע נסיעה, און ווער עס האָט זיך אַלץ באַטייליגט דערין, האָט דאָס הייליגע געזיכט פון בריסקער רב אויפגעשיינט פון שמחה, און ער האָט איהם שטאַרק באַדאַנקט דערפאַר (הרב שך פלעגט צולייגן, 'איך האָב געהאַט אַ נס אַז מיר זענען געפאָרן, ווייל אויב נישט, וואָס וואָלט איך געענטפערט פאַר'ן בריסקער רב'..).

**מו.** מיר דאַרפן וויסן, אַז עס פאַסירן ניסים יעדן טאָג אין זכות פון דעם הייליגן תנא רשב״י. עס איז אַ טאָג-טעגליכע ערשיינונג צו הערן "אותות ומופתים" וואָס אידישע קינדער פועל'ן ביים הייליגן ציון, ביי זאַכן וואָס זענען העכער פון דרך הטבע ממש. "יכלה הנייר, והם לא יכלו", דאָס פּאַפּיר וועט זיך אויסלאָזן, און די געשיכטעס וועלן זיך נישט ענדיגן. מיר ווילן נאָר ברענגען אַ טראָפּן פונעם גרויסן ים וואָס מיר האָבן געהערט, כדי מעורר צו זיין אידישע הערצער פאַר דעם הייליגן טאָג ל״ג בעומר.

איך האָב געהערט פון די בעלי המעשה, אין יאָר תשע״ה, האָט פאַסירט ביי אַ היימישן איד, פון דער קהילה פון "תולדות אהרן" אין ירושלים עיה״ק, אַז די עקרת הבית האָט ענדע ווינטער פון יענעם יאָר, אָנגעהויבן שפּירן אַ שרעקליכן דרוק אין אירע אויגן ל״ע, און איר זעה-קראַפט איז געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג. זי האָט זיך געוואָנדן צו גרויסע פּראָפעסאָרן, אָבער קיינער האָט נישט עס געקענט באַשיידן פון וואָס עס נעמט זיך די מחלה. אָן אַ ברירה, האָט מען באַשטימט דורכצופירן אַ "סי טי" אונטערזוכונג, און מ'האָט איר געגעבן אַן 'אַפּאָינטמענט', ל״ג בעומר אינדערפרי. זי איז טאַקע געגאַנגען אינדערפרי דורכצופירן דעם "סי טי", און דערנאָך האָט זי זיך אָנגעשלאָסן מיט אַ גרופּע חסידים פון "תולדות אהרן" וואָס זענען געפאָרן קיין מירון, וויסנדיג אַז די ענטפערס און רעזולטאַטן פון דער "סי טי" אונטערזוכונג, וועלן נישט קומען ביז אַ טאָג שפּעטער.

ווען זי איז אָנגעקומען קיין מירון, האָט זי כמעט נישט געזעהן מיט די אויגן די "הדלקה" פונעם רבי'ן, נאָר זי האָט געוויינט אָן אַן אָפּשטעל צום באַשעפער אַז ער זאָל דערלייכטן אירע אויגן און ער זאָל איר שיקן אַ רפואה

שלימה אויף די אויגן. נאָך די ״הדלקה״, איז זי אַריינגעגאַנגען אין דער ״מערה״, וואו עס געפינט זיך דער הייליגער ציון פונעם תנא האלוקי רשב״י, און זי האָט זיך אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ אין משך פון עטליכע מינוט...

צומאָרגנס אינדערפרי, ווען די פרוי איז אויפגעשטאַנען, האָט זי געזעהן כאחד האדם... זי האָט אויך נישט געשפירט קיין שום דרוק אין די אויגן. זי וואָלט מעגליך שוין אַפילו נישט געגאַנגען צום דאָקטאָר כדי צו הערן דעם ענטפער אויפ׳ן ״סי טי״, אָבער פונדעסטוועגן, האָט זי באַשלאָסן צו פאָלגן דעם דאָקטאָר׳ס אָנווייזונגען אַז זי זאָל קומען צומאָרגנס כדי צו הערן די רעזולטאַטן פונעם ״סי טי״.

נאָך איידער זי האָט אַפילו באַוויזן צו עפענען דאָס מויל, כדי איהם צו זאָגן אַז אַלעס איז ב״ה אין אָרדענונג, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט אַז די טעסטן ווייזן אַז זי ליידט פון אַ שרעקליכע געשווילעכץ אין די אויגן, און מ׳דאַרף איר זאָפאָרט אָפּערירן אויף די אויגן, ווייל אויב נישט, איז זי אין אַ געפאַר צו פאַרלירן פלוצלינג איר זעה-קראַפט, ווען זי וועט גיין אויף דער גאַס... האָט די פרוי איהם געזאָגט: ״היינט אינדערפרי, צומאָרגנס פון מיין רייזע קיין מירון, האָט דער אויבערשטער מיר דערלויכטן די אויגן, און אויך דער דרוק האָט זיך אָפּגעטוהן פון מיינע אויגן... ממילא, מיין איך אַז ס׳איז נישט נויטיג צו אָפּערירן...״.

נישט פאַרשטייענדיג וואָס זי רעדט צו איהם, האָט דער דאָקטאָר איר געזאָגט, אַז פונדעסטוועגן דאַרף זי קומען יעדע וואָך פאַר אַן אונטערזוכונג, ווייל לויט דעם ״סי טי״ וואָס מ׳האָט דורכגעפירט נעכטן, זעהט אויס דאָס געשווילעכץ ווי אַ געפאַרפולע זאַך. די פרוי האָט אַזוי געטוהן, און איז יעדע וואָך געקומען צום דאָקטאָר פאַר אַן אויגן אונטערזוכונג. נאָך זיבן וואָכן וואָס זי איז געקומען יעדע וואָך צום דאָקטאָר, האָט דער דאָקטאָר מודה געווען, אַז עס האָט מער נישט קיין זינען פאַר איר צו קומען פאַר אונטערזוכונגען, און זי איז באַפרייט... נאָך מער: צו די ניין חדשים איז זי געהאָלפן געוואָרן מיט אַ בן-זכר למזל טוב, נאָך לאַנגע יאָרן פון דער חתונה.

זעהען מיר דאָך פון דער פאַסירונג, ווי עס האָבן פאַסירט מיט דער פרוי ניסים ונפלאות, ממש פון מינוט צו מינוט, אויף אַן אומנאַטורליכן אופן, ווייל יענעם ל״ג בעומר אינדערפרי האָט דער טעסט געוויזן אַז זי האָט אַ געפערליכע געשווילעכץ אין די אויגן, אָבער דאָס איז געווען פריער, איידער זי איז געווען ביי רבי שמעון בר יוחאי... שפּעטער, איז נישט געווען קיין זכר פון אַ געשווילעכץ, און זי איז ב״ה געזונט געוואָרן כאחד האדם.

און אָט איז נאָך אַ געשיכטע, וואָס מיר קענען די בעלי העובדא פערזענליך, פון קרית מאור חיים אין צפת. ערב פסח תשע״ו האָט דאָרט פאַסירט אַ שרעקליכער עקסידענט רח״ל, וואו אַ דריי-יעריג יונגל איז צעטרעטן געוואָרן פון אַן אויטא. אַלס רעזולטאַט דערפון איז דאָס קינד געוואָרן באַוואוסטלאָז רח״ל, און מ׳האָט איהם אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. באַלד נאָך פסח, האָבן די דאָקטוירים פון שפּיטאָל איהם געשיקט צו אַן ערהוילונג היים, מיט׳ן אַרגומענט אַז זיי אין שפּיטאָל האָבן נישט פאַר איהם קיין אויסוועג איהם צו היילן.

צוויי וואָכן פאַר ל״ג בעומר, זענען די עלטערן פונעם קינד געפאָרן קיין מירון צו רבי שמעון בר יוחאי, און האָבן זיך דאָרט אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ, אַז זיי האָבן געפלאַנט דורכצופירן אַ ״חאַלאַקע״ אויף זייער בן יקיר צו זיינע דריי יאָר ל״ג בעומר אין מירון, און זיי שטייען נאָך אַלץ און בעטן אַז זיי זאָלן זוכה זיין איהם צו ברענגען קיין מירון גייענדיג אויף די פיס... מיר וועלן נישט מאריך זיין מיט די פרטים פון די מעשה, אָבער איין זאַך קענען מיר זאָגן, אַז ל״ג בעומר, איז דאָס קינד געקומען גייענדיג אויף די פיס קיין מירון, וואו מ׳האָט איהם אָפּגעשוירן די האָר...

ליל שב״ק פרשת לך לך תשע״ז, האָט מיר דערציילט אַ חשובער יונגערמאַן, פון אַ משפחה פון תלמידי חכמים, אַז זיין פאָטער האָט זיך געשפירט נישט גוט און אין חודש אדר תשע״ו האָבן די דאָקטוירים ליידער אַנטדעקט אין זיין קערפּער סימפּטאָמען פון די ביטערע מחלה רח״ל, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן איהם צו אָפּערירן כדי צו פּרובירן ראַטעווען זיין לעבן. איז די גאַנצע משפחה געפאָרן קיין מירון. אויפ׳ן וועג האָבן זיי געלערנט, און ביים ציון פון הייליגן תנא רשב״י, האָבן זיי אויסגעזאָגט צוזאַמען גאַנץ תהלים מיט הייסע טרערן, און זיי האָבן טאַקע גע׳פועל׳ט אַ ישועה, ווייל ביי דעם קומענדיגן ״סי טי״ פאַר דער אָפּעראַציע, האָבן די דאָקטוירים, צו זייער שטוינונג, געזעהן אַז דעם איד׳ס קערפּער איז ״ריין״, אָן אַ צייכן פון דער מחלה!

אונזער׳ס אַ ידיד וועלכער איז נאָענט אין האַרץ צום הייליגן אָרט אין מירון, האָט מיר דערציילט איינע פון צענדליגער מופתים וואָס ער האָט אַליין געזעהן. זיינס אַן אייניקל, איז געקומען מיט זיינע עלטערן זעקס יאָר צוריק פון אַמעריקע, כדי מקיים צו זיין דעם מנהג פון ״חאַלאַקע״. דאָס קינד איז ל״ע געווען נישט אַנטוויקלט, ער האָט

נישט גערעדט און איז נישט געגאַנגען אויף די פיס, און האָט אויך נישט געקענט אַרויסגיין צו טוהן זיינע באַדערפעניש. און וואונדער איבער וואונדער, אויפ'ן עראָפּלאַן פאָרנדיג צוריק קיין אַמעריקע, האָבן פּאַסירט צוויי ניסים מיטאַמאָל... דאָס יונגל האָט געעפענט דאָס מויל און געבעטן פון זיין מאמע זי זאָל איהם פירן אין בית הכסא אויפ'ן עראָפּלאַן... ויהי לפלא.

עס האָט מיר דערציילט אַ חשוב'ער רב פון אַמעריקע, אַ מעשה וואָס ער האָט אַליין בייגעוואוינט אין יאָר תשנ"ג. ער פלעגט לערנען מיט אַ חברותא יעדן פאַרטאָגס עטליכע שעה. אין איינעם פון די טעג פאַר'ן יום טוב פסח, האָט די בני בית פון זיין חברותא טעלעפאָנירט צו איהם, און איהם געבעטן ער זאָל שנעל אַריבערקומען אין זייער הויז. זי האָט איהם נישט דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָנקומענדיג אין דער דירה פון זיין חברותא, האָט ער געזעהן ווי זיין חברותא ליגט אויפ'ן בעט אויסזעהענדיג גאָר שוואַך און אָן מוט. דער חברותא האָט איהם דערציילט, אַז ער איז יעצט צוריקגעקומען פונעם דאָקטאָר וועלכער האָט ביי איהם אַנטדעקט די ביטערע מחלה אויף אַ שרעקליכן אופן רח"ל. דער דאָקטאָר האָט צוגעגעבן אַז זיי קענען גאָרנישט טוהן, אַפּילו נישט אַלס דעם גדר פון "השתדלות". ער האָט איהם דעריבער געלאָזט וויסן, אַז ער האָט נישט מער ווי צוויי חדשים צו לעבן אויף דער וועלט.

האָט ער אָנגעהויבן מחזק זיין דעם חברותא, מיט ווערטער פון חיזוק און טרייסט. דאַן האָט ער צוגעלייגט, "איך פאָר דאָך יעדעס יאָר קיין מירון אויף ל"ג בעומר, און היי יאָר, וועסטו מיטקומען מיט מיר, און דו וועסט זעהן וואונדער...". האָט דער איד איהם אָנגעקוקט מיט וואָדער און איהם געזאָגט: "דו רעדסט נאַרישקייטן... ווער ווייסט צי כ'וועל נאָך זוכה זיין צו זיין אויף דער וועלט ל"ג בעומר, לויט ווי די דאָקטוירים זאָגן איז דאָך דער מצב...".

נאָך פסח, האָט ער געקויפט אַ רייזע בילעט ("טיקעט") פאַר זיך צו פאָרן אויף ל"ג קיין ארץ ישראל, און ער האָט זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש פונעם אָפיס פון טראַוועל-אַגענט, מיט זיין חברותא און איהם געזאָגט: "איך קויף אַ רייזע-קאַרטע אויך פאַר דיר, ווייל דו האָסט דאָך סיי-ווי נישט וואָס צו פאַרלירן (לויט ווי די דאָקטוירים זאָגן)"... זיי זענען טאַקעביידע געפאָרן צוזאַמען צו פּראַווען ל"ג בעומר אין מירון.

יענעם יאָר, איז ל"ג בעומר געווען מוצאי שבת. פרייטאָג צו נאַכטס האָט ער זיך געוואָנדן צו זיין חברותא און איהם געזאָגט, "יעצט איז נישט אַזוי ענג אין דער 'מערה'. קום, וועלן מיר צוזאַמען אַריינגיין און בעטן ביים הייליגן ציון". איז דער חולה אַריינגעגאַנגען אין דער 'מערה', וואו ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים פון אָנהייב ביז'ן סוף, מיט גרויסע בכיות. ווען ער האָט געענדיגט זאָגן תהלים, האָט ער געזאָגט: "איך שפיר אַז אַ גרויסער שטיין איז אַראָפּ פון מיין הארץ, און איך לאָז עס איבער דאָ, אינעם הייליגן היכל פון תנא האלוקי רשב"י".

נאָך ל"ג בעומר, ווען זיי זענען צוריקגעקומען אַהיים קיין אַמעריקע, האָבן די דאָקטוירים געוואָלט פּרובירן עפּעס אַן "אָפּעראַציע", ווייל לויט זייערע ווערטער, האָט ער נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן... ביי די אָפּעראַציע, זענען די דאָקטוירים געווען ערשטוינט אַז זיי האָבן טאַקע ריכטיג געזעהן, אָבער עס איז נישט די 'מחלה' ל"ע נאָר גאַנץ אַן אַנדערע זאַך, וואָס שאַפט אינגאַנצן נישט קיין סכנה פאַר זיין לעבן.

די "חכמים" די דאָקטוירים, האָבן נישט געקענט גלייבן וואָס זייערע אויגן זעהען, האָבן זיי גענומען אַ שטיקל פון דעם וואָס זיי האָבן געפונען אין זיין קערפּער, און עס אָפּגעשיקט צו עטליכע גרויסע שפּיטעלער איבער דער וועלט, כדי צו זעהן צי ער האָט נאָך פון דער מחלה ח"ו אָדער נישט. ערב שבועות, האָט דער חולה זיך פאַרבונדן מיט זיין חברותא מיט אַ גרויסן געוויין. דער חברותא האָט זיך דערשראָקן, ווער ווייסט וואָס ער וויל איהם דאָ זאָגן... דער חבר האָט איהם אָבער געזאָגט, "איך וויין ווייל איך בין יעצט מחויב געוואָרן מיט אַ 'מזמור לתודה'. איך האָב יעצט צוריקבאַקומען די 'רעזולטאַטן', אַז ס'איז נישט דאָ קיין זכר פון דער מחלה אינעם קערפּער...". ער האָט טאַקע נאָך געלעבט אַסאַך יאָרן, פאָרנדיג יעדעס יאָר קיין מירון צו פּראַווען דאָרט די הילולא פון הייליגן תנא רשב"י.

הרה"ח ר' נתנאל אייזנבאך, מזקני ירושלים של מעלה, האָט דערציילט אַ מעשה וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר תש"ט, צו וועלכער ער זעלבסט איז געווען אַן עדות. אין יענע צייטן, האָט מען געקענט פאָרן פון 'הר הצופים' צו די היימישע געגנטן אין ירושלים, נאָר מיט אַ פּאָליציי-וואַך. אויך דאָס, איז געווען נאָר איינמאָל אין צוויי וואָכן. אין אַ געוויסן טאָג, האָט אַן אַראַבישער מערדער געשאָסן און געטראָפן אין קערפּער פון אַ בחור מיט'ן נאָמען גדליה מייעראָוויטש, אַן "אוד מוצל מאש", אַ געראַטעוועטער פון חורבן אייראָפּע וועלכער האָט נאָך דער מלחמה

עולה געווען קיין ארץ ישראל, און ער איז געווען דער איינציגער פון זיין גאַנצע משפּחה וואָס האָט זוכה געווען איבערצולעבן די מלחמה. די קויל האָט געטראָפן דעם בחור אין פוס, אָבער וויבאַלד זיי האָבן נישט געהאַט אַ שיירא מיט די נויטיגע וואָך, איז נישט געווען קיין וועג צו ברענגען דעם בחור צום "שערי צדק" שפּיטאָל אין ירושלים. ערשט צוויי וואָכן שפּעטער, האָט מען געברענגט דעם בחור גדליה אין שפּיטאָל.

נאָכ'ן איהם אונטערזוכן, האָבן די דאָקטוירים באַלד געזאָגט אַז צוליב דער לאַנגער צייט וואָס איז אַריבער זינט מ'האָט איהם געשאָסן, איז זיין פיס געוואָרן פאַרגיפטעט אויף אַ שרעקליכן אופן רח"ל, און אַז די איינציגע עצה איז, אַלזאָ, אַראָפּצונעמען זיין פוס, און אַזוי וועט איהם כאָטש אָפּראַטעוועט ווערן דאָס לעבן.

די מעשה האָט פּאַסירט אין די טעג פאַר ל"ג בעומר, און ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער הייליגער טאָג, האָט גדליה מייעראָוויטש געזאָגט צו זיינע פריינט וואָס האָבן זיך מטפל געווען מיט איהם, אַז ער וויל "עולה רגל" זיין צום הייליגן ציון פונעם תנא האלוקי רשב"י, וואו ער איז זיכער אַז ער וועט פועל'ן אַ ישועה. זיינע חברים האָבן איהם פּרובירט אָפּצורעדן דערפון, ווייל אַזאַ ווייטע רייזע פון ירושלים קיין מירון איז דאַן געווען פאַר איהם אַן אוממעגליכע זאַך. ס'איז אַ לאַנגער און שווערער וועג, בפרט פאַר אַזאַ בחור וואָס האָט נישט געקענט זיצן, נאָר ליגן אויף איין אָרט, און ווי אַזוי וועט מען איהם פירן ליגנדיג פון ירושלים קיין מירון, און צוריק... דער בחור האָט אָבער נישט געוואָלט הערן אַלע תירוצים, האָבן זיינע חברים, בלית ברירה, געדינגען אַ גרויסן 'טראָק', איהם אַרויסגעפירט בגניבה פון שפּיטאָל, און איהם אַרויפגעלייגט אויפ'ן 'טראָק' בעת זיין פוס איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשידענע באַנדאַזשן.

אָנקומענדיג אין מירון נאָך דעם לאַנגען און שווערן וועג, האָבן זיי אַראָפּגעפירט גדליה'ן פונעם טראָק און איהם אַריינגענומען צום ציון, וואו דער בחור האָט תיכף אָנגעהויבן מתפלל זיין פון טיפן האַרצן, אויסרופנדיג צו רבי שמעון'ען:

- הייליגער רבי שמעון, איך בעט ביי דיר, פועל פאַר מיר אַ ישועה און אַ רפואה, ווייל כ'בין פאַרבליבן דער איינציגער פון מיין גאַנצע משפּחה, אַלע מיינע קרובים זענען ליידער אומגעקומען דורך די מערדערישע נאַציס ימ"ש, און ווי אַזוי וועל איך קענען בויען אַ אידישע היים אויב מ'וועט אַראָפּשניידן מיין פיס ח"ו. עס וועט דאָך נישט בלייבן אַ 'שם ושארית' פון מיין גאַנצע משפּחה...

אַזוי איז דער בחור געלעגן ביים 'ציון' און געוויינט מיט שרעקליכע בכיות. זיינע חברים, האָבן איהם דערנאָך איבערגעלאָזט ליגן ביי איינעם פון די פענצטער אין די מערה, און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אין הויף כדי זיך צו באַטייליגן אין די פרייליכע טענץ לכבוד די הייליגע הילולא. ווען זיי זענען צוריקגעקומען צום פענצטער וואו זיי האָבן איהם איבערגעלאָזט, האָבן זיי געזעהן אַז "הילד איננו" - דער בחור איז נישט דאָ... האָבן זיי איהם גענומען זוכן, ביז זיי האָבן איהם געטראָפן, ווי ער טאַנצט אין חצר הרשב"י מיט אַנדערע אידן... אויף זייער שטוינענדער פראַגע, "כיצד הרגל", וואָס הערט זיך מיט'ן פוס... האָט גדליה מייעראָוויטש זיי געענטפערט, אַז ווען ער איז געלעגן נעבן דעם פענצטער, איז פּלוצלינג צוגעקומען צו איהם אַן אַלטער איד און האָט איהם אָנגעשריגן: "וואָס האָסטו צו ליגן דאָ? הייב זיך אויף און גיי אַרויס אינעם הויף, צו טאַנצן מיט דיינע חברים"... און אַזוי האָט ער געטוהן...

די פאָלגענדע מעשה, האָב איך געהערט פון אַ "כלי ראשון", אַ איד פון בני ברק, אַז זיין יונגעלע איז געווען זייער נישט געזונט רח"ל. די דאָקטוירים האָבן איהם געגעבן שווערע מעדיצינישע באַהאַנדלונגען, אָבער ליידער האָבן זיי געזעהן אַז די ביטערע מחלה בושעוועט אין זיין קערפּער אויף אַ שרעקליכן אופן רח"ל. די רפואות האָבן כמעט נישט געהאַט קיין איינפלוס אויפ'ן קינד צום גוטן. האָבן די דאָקטוירים זיך מייאש געווען און מודה געווען אַז זיי זענען נישט בכוח איהם צו היילן און העלפן. די גאַנצע משפּחה איז געווען זייער צובראָכן דערפון.

עטליכע טעג שפּעטער, האָבן זיינע ידידים איהם געזאָגט: ביז יעצט, האָבן די דאָקטוירים געטוהן אַלץ וואָס זיי קענען טוהן, יעצט וועלן מיר, אַלס אידן, טוהן דאָס וואָס מיר זענען בכוח צו טוהן... זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט, אַ מנין אידן, צו פאָרן קיין מירון, אויפצורייסן די טויערן פון הימל דורך מתפלל זיין פאַר אַ רפואה שלימה פאַר'ן קינד.

איידער זיי זענען אַרויסגעפאָרן, האָט דער פאָטער פונעם יונגל געזאָגט צו זיינע פריינט, אַז ער וויל אויך מיטפאָרן קיין מירון, און ער וויל אַפילו מיטנעמען דאָס קינד וואָס איז שוואַך, אָבער מ'וועט איהם צודעקן מיט דיקע קאָלדרעס, ווייל ס'איז נישט דאָ וואָס צו פאַרלירן. אָנקומענדיג קיין מירון, האָבן זיי אַוועקגעלייגט דאָס קינד אויף אַ באַנק נעבן דעם ציון, און האָבן אָנגעהויבן זאָגן תהלים בציבור פון טיפן האַרצן, און מיט אַ השתפכות הנפש,

אַז דאָס אומגליקליכע קינד זאָל געהאָלפן ווערן מיט אַ רפואה שלימה. אינמיטן זאָגן תהלים, האָט דאָס קינד זיך ליידער געוואָרפן פון יסורים און געוויינט אומאויפהערליך. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז די הערצער פון אַלע אָנוועזנדע זענען ווי צעריסן געוואָרן פון צער, און זיי האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט זייערע תחינות און בקשות צום באַשעפער אין זכות פונעם תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי. אַזוי האָבן זיי מתפלל געווען, ביז זיי האָבן געענדיגט תהלים צוויי מאָל, פון אָנהייב ביז'ן סוף.

און וואונדער איבער וואונדער: פלוצלינג, האָט דאָס קינד געבעטן וואַסער צו טרינקען, ווייל ער איז דורשטיג... די דאָזיגע בקשה פונעם קינד איז געקומען נאָך אַ לאַנגע צייט וואָס ער האָט נישט געגעסן און געטרינקען דורכ'ן מויל, נאָר דורך אַן איינשפריצונג ("אינטערוויִנוס") אין זיינע אָדערן. מ'האָט איהם באַלד דערלאַנגט צו טרינקען, און ער האָט זיך אַביסל געשטאַרקט. ווען זיי זענען אָנגעקומען אַהיים קיין בני ברק, האָט דער פאָטער פונעם קינד גענומען דאָס קינד צום דאָקטאָר פאַר נאָך אַן אונטערזוכונג. דער דאָקטאָר איז געווען ערשטוינט פון די שינויים לטובה וואָס האָבן פאַסירט אינעם קינד'ס קערפער, און געזאָגט אַז ער פאַרשטייט נישט ווי אַזוי ס'איז מעגליך אַזאַ זאַך. ער האָט באַלד פאָרגעשלאָגן צו טוהן נאָך פעולות צו היילן די קראַנקהייט, און נאָך אַ צייט איז דאָס קינד אַרויס פון געפאַר, ביז ער איז צום סוף אינגאַנצן געזונט געוואָרן בעזהשי"ת, און אין זכות פונעם תנא האלוקי רשב"י.

אַ יונגערמאַן פון אונזער חבורה אין בית שמש יצ"ו, האָט זומער פון יאָר תשע"ה, אַ שידוך געטוהן מיט זיין זון אין אַ מזל'דיגע שעה, און מ'האָט באַשטימט דעם זמן החתונה אויף חודש חשון תשע"ו. ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער זמן פון די חתונה און "לרש אין כל", עס איז נישט דאָ אַפילו אַ פרוטה פאַר די הוצאות החתונה, האָט מען באַשלאָסן אַז אין חודש אלול, זאָל דער יונגערמאַן אַרויספאָרן קיין אַמעריקע, כדי מזכה צו זיין אונזערע טייערע אידישע ברידער דאָרטן, מיט די מצוה פון "הכנסת כלה", וואָס זאָל זיי בייִשטיין אין די ימי הדין פון יאָר תשע"ו. דער יונגערמאַן האָט געהאַט גרויסע צער דערפון וואָס ער וועט זיך דאַרפן אַרומוואַלגערן אין אויסלאַנד, מיט די נסיונות ברוחניות ובגשמיות וואָס אַזאַ נסיעה ברענגט מיט זיך, ספּעציעל אין דעם געהויבענעם חודש אלול, ווען ער זעצט געוועהנליך על התורה ועל העבודה אין ארץ הקודש. ער איז דעריבער געפאָרן צום ציון פון רבי שמעון בר יוחאי אין מירון, וואו ער האָט מתפלל געווען פון טיפן האַרצן, אַז ער זאָל נישט דאַרפן פאָרן קיין אַמעריקע אין חודש אלול...

נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ מיט'ן ענדיגן גאַנץ תהלים ביים הייליגן ציון, איז ער אַריינגעגאַנגען אינעם "קאַווע שטיבל" וואָס געפינט זיך אין חצר פונעם ציון, און אָט באַגעגנט ער דאָרט זיינעם אַ יוגנט-חבר וועלכער וואוינט אין אַמעריקע, און וועמען ער האָט שוין לאַנגע יאָרן נישט באַגעגענט. נאָכ'ן געבן "שלום עליכם", האָט זיין געוועזענער חבר זיך געוואָנדן צו איהם, אָן דעם וואָס ער זאָל אַפילו אַרויסזאָגן אַ וואָרט, און איהם געזאָגט: "איך האָב געהערט אַז דו גרייטסט זיך חתונה צו מאַכן דיין זון, אָט האָסטו אַ 'טשעק' אויף דער סומע פון צען טויזנט דאָלאַר...". דער דאָזיגער סכום האָט ממש געראַטעוועט דעם יונגערמאַן, און ער האָט זיך איינגעשפּאָרט די גזירה פון "גלות אמעריקע", נישט דאַרפנדיג פאָרן קיין אַמעריקע (ער גיט צו, אַז ער וואָלט דאָך סיי-ווי נישט פאַרדינט מער ווי צען טויזנט דאָלאַר פון דער רייזע, און דאָ האָט ער אויך פאַרדינט דאָס געלט פונעם רייזע-בילעט, וואָס ער האָט נישט געדאַרפט אויסגעבן פאַר דער נסיעה קיין אַמעריקע).

איך האָב געהערט פון דעם בעל העובדא, אַ איד וואָס וואוינט אין אַמעריקע, וואָס אין יאָר תשנ"ז, איז זיין בני בית געוואָרן נישט געזונט מיט אַ שווערע מחלה ל"ע אין די לעבער. זי האָט געליטן שווערע יסורים במשך 15 יאָר, ביז די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן אַז זי נויטיגט זיך אין אַן איבערפלאַנצונג פון אַ לעבער (דאָס הייסט, מ'נעמט אַרויס אַ לעבער פון איינעם וואָס איז געשטאָרבן תיכף נאָך זיין טויט, און מ'פלאַנצט עס איין אין קערפער פון דעם פאַציענט וואָס נויטיגט זיך אין אַ לעבער). בשעת מעשה, האָבן זיי אָבער נישט געהאַט אַ "לעבער" וואָס זאָל שטימען מיט'ן בלוט אין דעם קערפער פון דער פרוי. אַ חבר פונעם מאַן, וועלכער וואוינט אין ירושלים עיה"ק (ער איז פון די חשוב'ע יונגעלייט אין אונזער חבורה אין ירושלים), האָט איהם כסדר מחזק געווען מיט אמונה און בטחון, און ער האָט אויך נאָכאַנאַנד מתפלל געווען ביי קברי צדיקים, אַז די פרוי פון זיין חבר זאָל האָבן אַ רפואה.

אַזוי זענען אַריבער 15 שווערע יאָרן, ביז אין יאָר תשע"ב האָט איר מצב זיך גאָר שטאַרק פאַרערגערט רח"ל. פרייטאָג פאַר ל"ג בעומר, האָט דער מאַן געשיקט זיין חבר קיין מירון (טייל אידן רופן מיט ליבשאַפט דעם שבת פאַר ל"ג בעומר, "שבת אויפרוף", ווייל ל"ג בעומר איז דאָך די הילולא, פון לשון נישואין, און ממילא, איז דער שבת פאַר ל"ג בעומר, דער "שבת אויפרוף"...)

שרייבט אין "שער הכוונות" (שער ו, ענין ל"ג בעומר), וועגן דעם ענין וואָס אידן פירן זיך צו גיין אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר צום קבר פון רשב"י און רבי אלעזר וואָס ליגן אין מירון, און מ'עסט און מ'פרייט זיך דאָרט.

**שרייבט** רבי חיים וויטאַל וויטער, און איך האָב געזעהן ווי מיין רבי דער אריז"ל איז אַמאָל געגאַנגען אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, ער און זיין גאַנצע הויז געזינד, און ער איז דאָרט געזעסן די ערשטע דריי טעג פון יענער וואָך.

"און הרב ר' יונתן שאגי"ש האט פאַר מיר עדות געזאגט, אַז אין ערשטן יאָר, איידער איך בין געגאַנגען צו איהם כדי צו לערנען ביי מיין רבי'ן ז"ל, איז ער געגאַנגען קיין מירון מיט זיין קליינעם יונגעלע, מיט זיין גאַנצע משפחה, און דאָרט האָט מען אָפּגעשוירן זיין קאָפּ, ווי עס איז דער באַקאַנטער מנהג[מו], און מ'האָט דאָרט געפּראַוועט אַ טאָג פון משתה ושמחה.

**עס** שטייט אין ספר "משנת חסידים", אַז וויבאַלד די תלמידים פון רבי עקיבא האָבן אויפגעהערט צו שטאַרבן אין דעם טאָג, און ער האָט דעמאָלס געגעבן "סמיכה" פאַר פינף תלמידים אַז פון זיי זאָל אַרויסקומען די תורה צווישן אידן, און צווישן זיי איז געווען דער תנא רשב"י... עס איז אַ מצוה זיך צו פרייען אין דעם טאָג מיט די שמחה פון רשב"י, און אויב ער וואוינט

---

ער זאָל דאָרט שפּאַלטן הימלען פאַר איר גאַנצע רפואה. ער האָט אַזוי געטוהן. במשך דעם גאַנצן שבת האָט ער מתפלל געווען כמעט אָן אויפהער, ביים ציון הרשב"י, פאַר רחמי שמים אַז זיין חבר'ס פרוי זאָל האָבן אַ רפואה במהרה.

דער אויבערשטער האָט טאַקע געהערט זיינע תפילות, און יענעם שבת נאָכמיטאָג, בעת ער האָט שופך שיח געווען ביים הייליגן ציון, איז אַ גוי אומגעקומען אין אַן קאר עקסידענט אין ניו יאָרק. נו, אַז אַ גוי איז געשטאָרבן, איז אונטערגעקומען די מעגלעכקייט צו באַקומען די לעבער פון דעם גוי, וואָס איז געווען פּאַסיג צום קערפּער פון די פרוי, אָבער מען מוז עס איינפלאַנצן תיכף מיד, אָן זיך פארזוימען. דער פּראָפעסאָר, דר. בראַון, האָט אָבער געהאַט געווען אַ ליסטע פון מענטשן וואָס האָבן געוואַרט נאָך פאַר די פרוי, צו באַקומען אַ לעבער.

דער ערשטער פּאַציענט אויף דער ליסטע איז געווען אַ גוי, און מ'האָט צו איהם טעלעפאָנירט. ער הייבט נישט אויף דעם טעלעפאָן... טעלעפאָנירט מען צום צווייטן אויף דער ליסטע, און ער איז טאַקע געקומען אין אָפּעראַציע צימער כדי איבערצונעמען די לעבער, אָבער ער האָט פלוצים חרטה באַקומען, ער האָט מורא צו נעמען די לעבער... האָט דר. בראַון טעלעפאָנירט צו איינעם פון די היימישע עסקנים אין ניו יאָרק, וועלכער איז כסדר עוסק אין העלפן אידן מיט מעדיצינישע הילף אנגעלעגנהייטן, אויסצוגעפינען אויב ס'איז דאָ עמיצער צווישן אידן וואָס נויטיגט זיך דרינגענד אין אַ 'לעבער', ווייל דאָס מוז מען דאָך זאָפאָרט איבערפלאַנצן פון איין קערפּער צום אַנדערן, און מ'קען עס נישט לאָזן וואַרטן. האָט דער עסקן, אַ רב, געזוכט אין זיינע ליסטעס, און געזעהן אַז די לעבער וועט זיין גוט פאַר דער קראַנקער פרוי. און ער האָט זיך באַלד פאַרבונדן מיט די משפחה (פיקוח נפש דוחה שבת).

דערציילט ווייטער דער בעל העובדא, אַז דער דערמאנטער עסקן האָט איהם געזאָגט אַזוי: די עצם זאַך וואָס איך האָב אויפגעהויבן דעם טעלעפאָן אין שבת, איז אויך געווען בהשגחה פרטית, ווייל מיר הייבן אויף טעלעפאָנען שבת צוליב 'פיקוח נפש', אָבער נאָר פון מאַנהעטן, וואו עס געפינט זיך דער שפּיטאָל, אָבער דער טעלעפאָן איז דאָך געווען פון באָראָ פּאַרק. דער רב האט געהייסן דעם איד שנעל אַריבערפאָרן אין שפּיטאָל מיט זיין פרוי, און מ'האָט טאַקע באַלד איבערגעפלאַנצט די לעבער אינעם קערפּער פון די פרוי, און מאָנטאָג - דריי טעג פאַר ל"ג בעומר, איז די פרוי שוין אַרומגעגאַנגען אויף די פיס כאחד האדם...

**מז.** הגאון רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א, זאָגט ("לקט אמרים", ח"ב, ע' דש), רבי שמעון בן יוחאי האָט דאָך צוגעזאָגט אַז די תורה וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן פון אידישע קינדער, "חס ושלום שתשתכח תורה מישראל" (שבת קלח:), ווייל דער פסוק זאָגט דאָך "כי לא תשכח מפי זרעו". דעריבער, ווען מ'הייבט אָן מחנך צו זיין די קינדער, און מ'פירט זיי אין חדר ווען זיי ווערן אַלט דריי יאָר, איז אַ פּאַסיגע צייט זיי צו ברענגען צו רבי שמעון בן יוחאי, ווי איינער זאָגט, "איר האָט דאָך צוגעזאָגט אַז די תורה וועט נישט פאַרגעסן ווערן פון אידישע קינדער, האָבן מיר אייך געברענגט אונזערע קינדער ווען זיי דאַרפן גיין אין חדר, אַז אייער זכות זאָל מגין זיין אַז די תורה זאָל טאַקע נישט פאַרגעסן ווערן פון זיי"...

אין ארץ ישראל, זאָל ער גיין זיך פרייען אויף זיין קבר, און דאָרט זאָל ער זיך פרייען מיט אַ גרויסע שמחה[מח]. און אוודאי געווים אויב עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער שערט אָפּ דעם קאָפּ פון זיין זון און ער מאַכט איהם פיאות, וואָס דאָס איז אַ מצוה[מט].

**דער** גאון רבי שמואל העלער זצ"ל, אב"ד צפת, שרייבט אין זיין ספר "כבוד המלכים" (ביים סוף פונעם ספר):

"איך קען עדות זאָגן, אַז אין מיין יוגנט האָב איך דאָ געהערט פון עלטערע רבנים, פון די עדות בני הספרדים, וואָס זייערע עלטערן האָבן געזעהן און האָבן זיי דערציילט, אַז דער "אור החיים" הקדוש, איז אַמאָל געווען אין טאָג פון די הילולא אין צפת, און ווען ער איז אָנגעקומען קיין מירון און איז נאָך געווען אויפ'ן אונטערשטען טייל פונעם באַרג, וואָס פון דאָרט גייט מען אַרויף צום "מקדש" (דעם הייליגן ציון), איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון זיין אייזל און איז אַרויפגעגאַנגען אויף זיינע הענט און זיינע פיס, און אַ גאַנצן וועג האָט ער געוויינט אַזוי ווי אַ בהמה און געשריגן, "ווי אַזוי קען איך, 'אני השפל', אַריינגיין אין אַזאַ הייליגן אָרט, 'מקום להבת שלהבת', וואָס דער אויבערשטער און די גאַנצע פמליא של מעלה געפינט זיך דאָ, און אַלע נשמות פון די צדיקים זענען דאָ". אין צייט פון די הילולא, האָט ער זיך געפרייט מיט אַ גרויסע שמחה.

### אור זרוע לצדיק - די הדלקות לכבוד דעם הייליגן תנא רשב"י

**אידן** אין אַלע דורות האָבן זיך געפירט, אויך אין די תפוצות, אָפּצוּרעכטן מיט גרויס פרייד 'הדלקות', ווען מ'האָט אָנגעצונדן גרויסע פייערן לכבוד די הייליגע הילולא. אין מערערע ערטער האָט מען זיך אויך געפירט אַריינצוּוואַרפן קליידער אין פייער[נא], און עס פאַרברענען

---

**מח.** און אויך דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי בכבודו ובעצמו, גייט אַנטקעגן די וואָס קומען צו זיין ציון, און ער פרייט זיך מיט זיי, ווי עס איז באַקאַנט די מעשה וואָס דער הייליגער שינאָווער רב זי"ע האָט דערציילט, אַז ווען ער האָט באַזוכט אין ארץ ישראל, האָט ער דאָרט געהערט דערציילן, אַז אַמאָל האָט דער אריז"ל געטאַנצט מיט זיינע תלמידים אין חצר פונעם הייליגן ציון אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, און עס האָט מיטגעטאַנצט מיט זיי אַ געוויסער זקן, וועלכער איז געווען הויך "משכמו ומעלה". נאָך די ריקודין, האָט דער הייליגער אריז"ל מגלה געווען פאַר זיינע תלמידים, אַז דער זקן איז געווען רשב"י בכבודו ובעצמו (געברענגט אין ספר "טעמי המנהגים", באריכות, אַז רשב"י האָט געטאַנצט מיט'ן אריה"ק און מיט'ן בעל "חרדים").

**מט.** בכלל, איז באַקאַנט וואָס עס שרייבט דער זוהר הקדוש (פ' בא, לח.) אויפ'ן פסוק (שמות לד כג) "שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך את פני האדון ה'" - מאן פני האדון ה', דא רבי שמעון בר יוחאי". און כאָטש די ווערטער פון זוהר הקדוש זענען זייער טיף, זעהען מיר אָבער דאָ אַז דער ענין פון "עליה לרגל", וואָס מיר קענען היינט ליידער נישט מקיים זיין ווייל מיר האָבן דאָך נישט דעם בית המקדש, איז עס אָבער שייך מיט'ן אַרויפגיין צום ציון פון דעם הייליגן תנא רשב"י אין מירון.

עס איז באַקאַנט אַז אַסאַך אידן זענען מקיים די דערמאַנטע ווערטער פון זוהר הקדוש כפשוטם, און זיי פאָרן זיך משתטח זיין אויפ'ן ציון "שלש פעמים בשנה" - דריי מאָל אַ יאָר. "נהרא נהרא ופשטיה".

אַזוי שרייבט דער בעל "חרדים" אין די הקדמה צו זיין הייליגן ספר: ערליכע אידן זענען ביים ציון פון רשב"י, זיי זענען דאָרט עוסק אין זיינע מאמרים, 'אמרות טהורות', אַזוי ווי מיר פירן זיך צו טוהן עטליכע מאָל אַ יאָר, פון צייט צו צייט.

**נ.** עס ווערט געברענגט אין ספר 'בקודש פנימה' (ח"ב, ע' שסב) אַז דער בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע האָט אין דער נאַכט פון ל"ג בעומר געהייסן אָנצינדן אַסאַך לעכט לכבוד נשמת הרשב"י, אויף די טישן און אויף אַלע לאָדנס פון די פענצטערס (אַנדערש ווי אין אַנדערע יאָרצייטן פון צדיקים, וואָס דער עולם האָט נישט אָנגעצונדן לעכט, נאָר אין דעם טאָג פון ז' אדר - יומא דהילולא פון משה רבינו ע"ה).

**נא.** טייל צדיקים האָבן זיך געפירט אַריינצוּוואַרפן אין פייער דאָס קאַפּל וואָס זיי האָבן געטראָגן אויפ'ן קאָפּ. אַזוי האָט זיך אויך געפירט כ"ק אאמו"ר זי"ע, און זיין טאַטע, הרה"ק רבי משה מרדכי זי"ע מלעלוב.

אין די צייטן פון הרה"ק רבי דוד'ל בידערמאַן זי"ע פון ירושלים, איז אַ בחור ליידער אַראָפּ פון זינען רח"ל, און איינע פון זיינע 'שגיונות' איז געווען, אַז ער פלעגט כסדר אַראָפּוואַרפן דאָס קאַפּל פון קאָפּ. איז זיין טאַטע

לכבוד דעם תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי[נג]. הגאון רבי שמואל העליר זצ״ל אב״ד צפת, האָט אַפילו מחבר

---

אַריינגעגאַנגען צו הרה״ק רבי דוד׳ל זי״ע און זיך אויסגעגאָסן פאַר איהם זיין ביטער האַרץ איבער דעם שווערן מצב פון זיין זון.

עטליכע טעג נאָך פסח, ווען הרה״ק רבי דוד׳ל האָט זיך געגרייט אַרויסצופאָרן מיט די 'שיירות' קיין מירון, וואָס האָט דאַן געדויערט אַ לאַנגע צייט, האָט ער אַריבערגערופן דעם פאָטער פון דעם דערמאנטן בחור, און איהם געזאָגט ער זאָל מיטקומען קיין מירון, און אויך מיטברענגען זיין זון. ער האָט אַזוי געטוהן, און אין משך פון דער גאַנצער נסיעה, האָט דער פאָטער געליטן שרעקליכע בושות פון זיין זון. ביי יעדער 'הפסקה' וואו מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט, פלעגט דער בחור אַנטלויפן און פאַרשווינדן ווערן, און מ'האָט איהם געדאַרפט זוכן, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז מ'איז מיט'ן באַשעפער'ס הילף, אָנגעקומען אין מירון בשעה טובה ומוצלחת.

בעת די 'הדלקה' אויפ'ן דאַך פונעם ציון הרשב״י, איז הרה״ק רבי דוד׳ל צוגעגאַנגען צו דעם בחור, און אַראָפּגענומען פון זיין קאָפּ זיין הוט און זיין קאַפּל. דעם הוט, האָט רבי דוד׳ל אַראָפּגעוואָרפן אונטן, און דאָס קאַפּל האָט ער אַריינגעוואָרפן אין פייער. אין יענע סעקונדע, האָט דער בחור אַרויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן קאָפּ, און אָנגעהויבן שרייען, 'אַ קאַפּל, אַ קאַפּל!' (מ'זאָל איהם דערלאַנגען אַ קאַפּל צוצודעקן דעם קאָפּ), און צו די פאַרוואונדערונג פון אַלע אָנוועזנדע, איז דער בחור איבערגעדרייט געוואָרן צו אַ נייער מענטש. ער איז צוריק געוואָרן נאָרמאַל, ווייל שוין אַ לענגערע צייט האָט מען נישט געהערט פון איהם אַ 'נאָרמאַל' וואָרט, און נישט נאָר דאָס, נאָר אין דעם ענין וואָס ער האָט אַזוי פיל צרות אָנגעמאַכט, אַוועקוואַרפנדיג כסדר די קאַפּל פון קאָפּ, האָט ער פלוצלינג זיך צעשריגן אַז מ'זאָל איהם צוריקגעבן זיין קאַפּל...

לדידן יאמר, דאָ רעדט מען נישט דווקא פון 'שוטים' און מענטשן וואָס האָבן נישט קיין שכל, נאָר יעדער איינער מיט זיינע אייגענע 'שגיונות'... ער קען פאַרברענען אַלע זיינע משוגעת'ן אין דעם פייער פונעם הייליגן תנא רשב״י, און פון דאָ און ווייטער וועט ער האָבן הצלחה.

**נב.** אין יאָר תשע״ז האָבן מיר ענהאלטן אַ בריוו, פון אַ איד וועלכע שילדערט די פאָלגענדע מורא'דיגע פאַסירונג, צו וועלכע ער איז אַליין געווען אַן עדות, אַ מופת וואָס האָט פאַסירט בעת די הדלקה פון באָיאַן, אין די האָרנשטיין הייזער אין ירושלים.

דערציילט דער איד, אז אַ יאָר פאַר יענעם ל״ג בעומר איז זיין ברודער געוואָרן קריטיש פאַרוואונדעט אין אַ קאַר-עקסידענט פאָרנדיג אויפ'ן וועג פון פראַנקרייך קיין שווייץ. דער אויטאָ אין וועלכן ער איז געפאָרן, און וואו ער איז געזעסן נעבן דעם דרייווער, האָט זיך אַראָפּגעקאָלערט פון אַ הויכן באַרג צום אָפּגרונד. בחסדי שמים, האָבן אַנדערע דורכפאָרער באַוויזן צו רופן די 'הצלה' וואָלונטירן, וואָס האָבן געדאַרפט אויפשניידן די ווענט פון דעם קאר כדי אַרויסצונעמען פון דאָרט די מענטשן וועלכע זענען געווען פאַרכאַפּט אין די קאַר. מ'האָט אָפּגעפירט זיין ברודער אין שפּיטאָל, וואו ער איז געווען אָנגעוויזן אויפ'ן חסד פון קריסטן שונאי ישראל (מ'רעדט שוין נישט פון די 'נסיונות' וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אויסצושטיין, אַלס דער איינציגער פרומער איד אין אַ שרעקליכן מצב...). מיט'ן באַשעפער'ס הילף, איז דער ברודער צוביסלעך אַרויס פון געפאַר, ביז ס'איז געווען מעגליך איהם אַריבערצופירן קיין שווייץ, וואו ער זאָל קענען זיין נאָנט צו זיין משפחה און קינדער.

אַ יאָר שפּעטער, האָט דער איד זוכה געווען אַרויפצוגיין קיין ארץ ישראל צוזאַמען מיט זיין בני בית און משפחה, צו פראַווען דעם יום טוב פסח אין ארץ ישראל, וואו זיי זענען געבליבן אַ לענגערע צייט. די שמחה איז געווען גרויס אין די משפחה, צו זען דעם טאַטן אַ לעבעדיגן, ווי ער גייט אויף די פיס מיט דער הילף פון שטעקנס (נאָך דעם וואָס גרויסע פּראָפעסאָרן האָבן אין די ערשטע חדשים נאָכ'ן עקסידענט, געוואָלט אַראָפּנעמען זיינעביידע פיס רח״ל).

אין דער נאַכט פון ל״ג בעומר, האָט מען איהם געברענגט צו די הדלקה אין באָיאַנער בית המדרש, און נאָך דעם ווי די עלטערע אידן האָבן אַריינגעגאָסן אויל אין דער מדורה, און דאָס פייער האָט זיך צעפלאַקערט מתוך שירה ושמחה, און מיט פריילעכע טענץ, איז דער ברודער וועלכער איז געשטאַנען נעבן איהם (וואָס שרייבט אונז דעם בריוו), אָנלענענדיג זיך אויף די שטעקנס, און ער האָט איהם אויך אונטערגעהאַלטן, פלוצלינג... זאָגט ער פאַר דעם ברודער אויף אַ קאַטעגאָרישן אופן: 'איך גיי אַריינוואַרפן מיינע שטעקנס אין פייער... האָט דער ברודער געענטפערט, אויך מיט אַ שאַרפן און קאַטעגאָרישן טאָן (אַנדערש ווי זיין שטייגער): חלילה, זאָלסט נישט וואַגן אַזוי צו טוהן. אָבער

געווען אַ ספּעציעלן חיבור, 'כבוד מלכים', איבער דעם ענין פון די 'הדלקות', און ער צייכנט אָן אַז אַזוי האָט זיך געפירט דער 'אור החיים' הקדוש זי"ע, און נאָך גדולי ישראל אין אַלע דורות.

**עס** ווערט געברענגט אין ספר 'אלף כתב' (אות תרפד), אין נאָמען פון מוה"ר מענדל ליטמאן ז"ל פון עיה"ק צפת, ת"ב, אַז דער 'אור החיים' הקדוש האָט געוויינט במשך די גאַנצע נאַכט פון ל"ג בעומר בעת די הדלקה לכבוד די הילולא, און ער איז געשטאַנען פון דער ווייטנס זאָגנדיג, ווי אַזוי קען איך צוגיין נאָנט צום וואָלקן וואו עס שטייען די הייליגע נשמות פון די אבות הקדושים, אברהם, יצחק, און יעקב, און אלע קדושים צוזאַמען מיט זיי[נג].

**עס** שטייט אין זוהר הק' (בהעלותך, רעיא מהימנא, ח"ג קנב:) אז אין דעם טאָג פון פסח שני, גייט אַרויס אַ "בת קול" אין הימל, אַז יעדער איינער וואָס וויל קומען זעהן די שכינה, קען קומען אין די טעג זעהן די שכינה, איידער מ'פאַרשפּאַרט די טויערן אין הימל. זאָגט דער זוהר, אַז דער "כרוז" גייט אַרויס אין 14'טן טאָג פון חודש אייר, ווייל פון דעמאָלטס ביז זיבן טעג זענען די טויערן אָפען, און פון דאָ און ווייטער ווערן פאַרמאַכט די טויערן.

**פרעגט** דער "זרע קודש", פאַרוואָס טאַקע לאָזט מען נישט אָפען די טויערן פאַר אידישע קינדער, אויך נאָך זיבן טעג? ענטפערט ער, אַז נאָך ל"ג בעומר

---

נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט דער ברודער זיך אָנגענומען מיט מוט, און האָט זיך דערנענטערט מיט די אייגענע כוחות צום פלאַם פייער, און ער איז איהם נאָכגעלאָפן, צוליב זיין אחריות פאַר איהם, אָבער ביז ער איז צוגעקומען צום ברודער, זענען די מוזיקאַנטן שטיל געוואָרן, זעהענדיג ווי ער מיט זיין גאַנצער אמונה וואַרפט אַריין איינעם פון די שטעקנס אין פייער... און 'תוך כדי דיבור', וואַרפט ער אַריין אויך דעם צווייטן שטעקן אין פייער, מיט אומנאַטורליכע כוחות, און די שטעקנס זענען פאַרברענט געוואָרן ביז עטליכע סעקונדעס... דאַן האָט דער ברודער זיך גענומען גיין מיט די אייגענע כוחות אויף זיינע פיס, כאָטש זיי זענען - לויט דער מיינונג פון זיינע פראָפעסאָרן - געווען אַזוי שוואַך, אַז ס'איז נישט געווען קיין שום אויסזיכט צו היילן די פיס, און ער גייט אויף די פיס 'כאחד האדם' ביז'ן היינטיגן טאָג...

דעם אמת געזאָגט, כאָטש אויב ער וואָלט זיך פריער באַרעכנט וואָלט מען איהם נישט געהייסן טוהן אַזוי, אָבער מ'קען אָבער לערנען דערפון וועגן דער שטאַרקער אמונה אינעם כח פון רשב"י, וואָס ער שטעלט דעם מענטש אויף די פיס.

אגב, יענער איד האָט צוגעזאָגט אַז ווען זיינע פיס וועלן אויסגעהיילט ווערן, ווערט ער זיי נוצן צו טאַנצן ביי חתונות, כדי משמח צו זיין חתנים אין זייער פרייליכן טאָג, און ער האַלט די הבטחה ביז'ן היינטיגן טאָג, מיט געפילן פון לויב פאַר דעם אויבערשטען פאַר די גרויסע חסדים וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן.

**נג.** דער אַלטער סאַדיגערער רבי זי"ע פלעגט רעדן וועגן די גרויסקייט פון די 'הדלקה' אויפ'ן דאַך פונעם 'ציון' אין מירון (וואָס זיין טאַטע, דער הייליגער רוזינער זי"ע, האָט געקויפט דעם זכות פון די הדלקה פאַר זיך און זיינע קינדער נאָך איהם), **און ער** פלעגט זאָגן, אַז אַכציג טויזנט נשמות האָבן אַ תיקון בעת די הדלקה.

אין ספר 'מסע מירון', שילדערט הרה"ג ר' מענדל ראבין ז"ל אויף אַ וואונדערליכן אופן דעם גאַנצן סדר פון די הילולא אין יאָר תרמ"ח, ווען ער איז געווען אָנוועזענד אין מירון. צום סוף שרייבט ער, בזה הלשון: אויך שמן זית האָט יעדער איינער געקויפט און אַריינגעגאָסן אינעווייניג, לכבוד דעם הייליגן תנא. דאַן זענען די וואָס האָבן געמאַכט די 'הדלקה' (אויפ'ן דאַך פונעם ציון) אָנגעצונדן מיט אַ געפיל פון שמחה און גוטמוטיגקייט, און אָנגעצונדן אַ טיכן וואָס איז געווען געשמירט מיט אויל, און עס אַריינגעוואָרפן אינעם אויל. אַלע אַרומיגע האָבן געוואַרט מיט אָפענע אויגן צו זעהן ווי דאָס פייער הייבט אָן צו ברענען. אין דער סעקונדע ווען דאָס פייער האָט אויפגעפלאַקערט, האָט דער גאַנצער ציבור אויסגעבראָכן מיט אַ פרייליכקייט און זיך גענומען זינגען. איך האָב נאָך נישט געזעהן אַזוינס, און מיינע עלטערן האָבן מיר קיינמאָל נישט דערציילט וועגן אַזאַ מראה, צי ס'איז אַמאָל געווען אַזאַ זאַך. און ס'איז מקובל ביי די אידן אין א"י, אַז די נשמה פון הייליגן תנא רשב"י שוועבט אויף זיין הדלקה. דאַן האָב איך גענומען די ליסטע פון די נעמען פון מיינע קרובים און גוטע פריינט... איך האָב מתפלל געווען און געזאָגט פאַר זיי תחינות און בקשות, אַז דער זכות פון הייליגן תנא זאָל זיי באַשיצן, זייער לעכט זאָל שיינען מיט אַ שפע און הצלחה בגוף ובנפש.

(וואָס פאַלט אויס אייביג אין דער וואָך פון ספירת "הוד") פעלט שוין אינגאַנצן נישט אויס איבערצולאָזן די טויערן אָפען, ווייל אַלע אידן זענען שוין אַריינגעגאַנגען, און זיי האָבן שוין אויך אויסגע'פועל'ט אַלע זייערע בקשות צום גוטן אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, ווייל דאַן איז דאָך די צייט וואָס מ'קען פועל'ן אַלעס וואָס מ'דאַרף האָבן[נד].

מיר האָפן און מיר זענען מתפלל, אתה הוא מושיענו בזכות אדונינו בר יוחאי, תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו, הוא ימליץ טוב בעדנו, דער באַשעפער זאָל רחמנות האָבן אויף אונז און משפיע זיין אויף אונז אַ דור ישרים מובֹרך, פרנסה בריווח, והוא יחמול עלינו ועל עוללינו אין טאָג פון די הייליגע הילולא פון רבי שמעון בר יוחאי, לעד ולעולמי עולמים.

---

**נד.** מיר האָבן געהערט אַ מעשה, אַן עושר פון ניו יאָרק, איז אַמאָל געפאָרן קיין מירון. שטייענדיג ביים ציון הרשב"י, האָט ער געהערט ווי אַ איד וואָס שטייט נעבן איהם איז מתפלל און גיסט זיך אויס דאָס האַרץ פאַר'ן אויבערשטען, וועגן די חובות וואָס דריקן איהם, און אַז אין זכות פון רשב"י, זאָל דער אויבערשטער העלפן און איהם צושיקן פופציג טויזנט דאָלאַר, "טבין ותקילין".

די דאָזיגע תפילה איז נישט געפעלן פאַר דעם אַמעריקאַנער גביר, טראַכטנדיג ביי זיך, "אַזוי טוט מען 'מגשם' זיין די תפילה ביי רבי שמעון'ען?"... מילא, אויב דער איד וואָלט דאָ מתפלל געווען אויף נחת דקדושה, אָדער אויף געזונט, קען מען נאָך פאַרשטיין, אָבער אַזאַ ביליגקייט, צו רעדן ביי רבי שמעון'ען וועגן געלט? (דער גביר האָט דאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט זיין א אָרימאַן...). ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו "לערנען אַ לעקציע" מיט דעם אָרימאַן, און ער האָט גענישטערט צווישן די קוויטלעך פון די אידן וואָס זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אויפ'ן ציון, און ווען ער האָט געטראָפן יענעם אָרימאַן'ס קוויטל, האָט ער זיך פאַרצייכנט זיך נאָמען, און דערנאָך זיך אינטערעסירט אויף זיין אַדרעס. ער האָט באַשלאָסן, אַז אַהיימקומענדיג צוריק קיין ניו יאָרק, וועט ער איהם שיקן אַ טשעק אויף די סומע פון פופציג טויזנט דאָלאַר, און אנשטאט אונטערשרייבן זיין אייגענעם נאָמען אויפ'ן טשעק, וועט ער אונטערשרייבן "רשב"י"... אַזוי וועט דער אָרימאַן גאָרנישט קענען טוהן מיט אַזאַ טשעק... אַזוי האָט דער גביר טאַקע געטוהן.

עטליכע וואָכן שפעטער, האָט דער עושר געזעהן אַז עס איז אַרויסגעגאַנגען פון זיין באַנק-קאָנטע אַ טשעק אויף די סומע פון 50 טויזנט דאָלאַר. אויף דער ערשטער מינוט, האָט ער זיך נישט געקענט דערמאַנען ווען ער האָט געגעבן אַזאַ גרויסן טשעק... ספּעציעל אַז פאַר די מענטשן מיט וועמען ער האַנדלט, און קויפט ביי זיי סחורה, געבט ער נישט אַזעלכע "רינדעכיגע" סכומים ווי 50 טויזנט דאָלאַר... נישט קענענדיג דערגיין דעם סוד פונעם טשעק, האָט ער זיך געוואָנדן צו די באַנק, און געבעטן אַ קאָפּיע פונעם טשעק וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויפ'ן ריזיגן סכום, און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז דער טשעק וועלכן ער האָט אַליין געשיקט צו יענעם אָרימאַן אין ארץ ישראל, און אַז פון גרויס איילעניש, האָט ער פאַרגעסן אונטערצושרייבן רבי שמעון'ס נאָמען, נאָר ער האָט אונטערגעשריבן אויפ'ן טשעק זיין אייגענעם נאָמען... ערשט דאַן האָט דער עושר געזעהן, אַז די תפילות פון דעם אָרימען בעל חוב ביים ציון פונעם תנא האלקי רבי שמעון, זענען געענטפערט געוואָרן אויף אַ פולשטענדיגן אופן, און ער איז גאָר געווען דער שליח פון הימל צו ערפילן יענעם'ס בקשה, און האָט איהם געשיקט אויף איין מאָל אַזאַ גרויסן סכום, ער זאָל נישט דאַרפן אַרומוואַנדערן נאָך געלט, וכדומה...

הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע פון סלאָנים, האָט דערציילט (מובא בס' "מזקנים אתבונן", להחסיד המפואר רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ זצ"ל) אין דעם טאָג פון ל"ג בעומר, די פאָלגנדע מעשה (וואָס ער האָט בייגעוואוינט ווען ער איז געווען יונגערהייט אין מירון, בעת אַ באַזוך אין ארץ ישראל): צוויי פרויען זענען אַמאָל געווען ביים ציון פונעם תנא האלקי רשב"י, וואו איינע פון זיי - אַ רייכע פרוי - האָט מתפלל געווען, זי האָט געשיקט אַ שיף מיט סחורה און זי האָט געדאַרפט רחמים אַז די שיף זאָל אָנקומען בשלום, און זי זאָל מצליח זיין. נעבן איר, איז געשטאַנען אַן אָרימע פרוי און האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר רבי שמעון, זי נויטיגט זיך אין אַ סכום געלט, כדי חתונה צו מאַכן אירע צוויי טעכטער. האָט די רייכע פרוי געפרעגט די אָרימע פרוי, וויפיל געלט זי דאַרף האָבן חתונה צו חתונה מאַכן אירע צוויי קינדער, און זי האָט געענטפערט: "כך וכך" דאַרף איך האָבן. האָט די רייכע פרוי אַרויסגענומען פון טאַש די גאַנצע סומע, און עס דערלאַנגט פאַר די אָרימע פרוי. דערנאָך האָט די רייכע פרוי זיך אויסגעדרייט צום ציון, און געזאָגט:

- הייליגער רבי שמעון! אָט האָט די פרוי גע'פועל'ט דאָ ביי דיר, אַלעס וואָס זי האָט געדאַרפט האָבן. בעט איך ביי דיר, העלף מיר אויך... פועל אין הימל אַז איך זאָל האָבן אַ שמירה אויף מיינע פאַרמעגנס, און אויף די גרויסע שיף וואָס שווימט אויפ'ן ים...

פלעגט דער "דברי שמואל" צוגעבן מיט באַוואונדערונג, אַז די רייכע פרוי האָט נישט געבעטן געהאָלפן צו ווערן אין זכות פון די גרויסע מצוה פון צדקה וואָס זי האָט דאָ יעצט מקיים געווען, נאָר מיט איר אמונה האָט זי געבעטן אַז דער זכות פון רבי שמעון זאָל איר ביישטיין, ווייל רבי שמעון קען נישט אָפּזאָגן די בקשות פון די מענטשן וואָס קומען צו זיין ציון.